STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02402

YIDISHE GESHIKHTE

Hayim Shoys

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער צושפּאלטונג
פון דער אידישער מלוכה

קאָרעספּאָנדענץ־קורס.

געשריבען פון

חיים שויס

ארויסגעגעבען פון

אידיש־נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד פון אמעריקא

די אידען אין דער סעמיטישער וועלט

די אידען געהערען צו דער גרופּע פעלקער, וועלכע ווערען אָנגערופען סעמיטען. דער נאָמען סעמיטען, וועלכען די מאָדערנע שונאי־ישראל האָבען פּאָפּולער געמאַכט דערמיט וואָס זיי באַצייכענען זיך אלס אנטי־סעמיטען, איז לפי־ערך א נייער. ער איז געשאַפען געוואָרען ביים סוף פון 18טען יאָהרהונדערט. די פאָרשער האָבען דעמאָלט איינגעזעהן אז די שפּראַכען פון א געוויסער גרופּע פעלקער, וואָס האָבען אמאָל געלעבט און לעבען צום טייל נאָך היינט אין דרום־מערב פון אזיען, האָבען א גרויסע עהנליכקייט צווישען זיך; אז הן אין דעם אוצר פון די ווערטער, הן אין געבוי און פאָרם צייכענען זיך יענע שפּראַכען אויס פון די שפּראַכען פון אנדערע פעלקער גרופּען. די פאָרשער האָבען א נאָמען געגעבען די דאָזיגע פעלקער־גרופּע

סעמיטען*), ווייל אין דעם פעלקער־טאָוועל פון בראשית קאַפּ. י. ווערען די מערסטע פון די דאָזיגע פעלקער גערעכענט פאַר זיהן פון שם, דעם זוהן פון נח. דער נאָמען איז אָבער ניט מער ווי א קינסטליכער, און דאָס באדייט לחלוטין ניט אז די פאָרשער האָבען מיט איהם אויך אָנגענומען דעם גלויבען, אז אלע פעלקער שטאַמען פון איין מענשען, — שם.

די סעמיטישע פעלקער האָבען ניט בלויז גערעדט דיאלעקטען פון דער־זעלבער שפּראַך, נאָר זיי האָבען אויך געהאַט שותּפות׳ע מנהגים און אופנים פון לעבען, שותּפות׳ע שטריכען אין זייער כאַראַקטער, זייער רע־ליגיאָן, זייער אופן פון דענקען, און מאַנכע פאָרשער נעמען אָן, אז די סעמיטען האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט אין דער געשטאַלט פון זייערע קערפּערס.**)

צו די סעמיטישע פעלקער געהערען:

1) באַבילאָניער, אסיריער (אשורים), כאַלדעער (כשדים).

2) פעניקיער, קאַרטאַגענער און אלע אַנדערע כנענים.

3) ארם, ישראל, אדום, עמון, מואב. (עברים).

4) אראַבער און עטיאָפּיער (כושים).

די סעמיטען ווערען איינגעטיילט אין צפון־סעמיטען (גרופּע 1, 2, 3) און דרום־סעמיטען (גרופּע 4). אין דער ביבלישער עפּאָכע האָבען בלויז די צפון־סעמיטען געשפּילט א ראָלע. די דרום סעמיטען טרעטען ארויף אויף דער־ארענא פון דער וועלט געשיכטע ערשט אין דער צייט פון מוהא־מעד***) די סעמיטען ווערען אויך איינגעטיילט אין מזרח־סעמיטען (גרופּע 1) און מערב־סעמיטען (גרופּע 2, 3, 4).

---

*) דאָס ערשטע מאָל איז די דאָזיגע באַצייכנונג געברויכט געוואָרען פון שלעזער און אייכהאָרן אין יאָהר 1786.

**) אין אונטערשייד פון די סעמיטישע פעלקער באַצייכענט מען די מער־סטע אייראָפּעאישע פעלקער צוזאַמען מיט די פּערסיער און מעדיער און דאָס סאַנסקריט־רעדענדע פאָלק פון אינדיען אלס אינדא־אייראָפּעער אָדער אינדא־גערמאַנען. די פעלקער פון צפון־אפריקא באַצייכענען מאַנכע אַלס חאַמיטען, לויט נח׳ס זוהן חם (בראשית י.).

***) אין צווייג זייערע, די אראַבישע מלוכה פון די נאַבאַטעער, האָט געשפּיעלט אַ ראָלע אין דרום און אין מזרח פון ארץ ישראל שוין אין דער צייט פון צווייטען בית־המקדש.

די עגיפּטער ווערן באַטראַכט אַלס האַלבע סעמיטען אָדער אַלס סעמיטיזירטע אַפריקאַנער.

ביז אין 19טען יאָהרהונדערט האָט מען ווייניג וואָס געוואוסט פון דער געשיכטע פון די סעמיטישע פעלקער. ערשט אין דער אַנדערער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט האָט מען אויסגעגראָבען פון די פאַרשאָטענע חורבות פון די אַלטע מלוכות פון בבל און אשור די ציוויליזאַציע פון דער אַלטער סעמיטישער וועלט. מען האָט אויסגעגראָבען פּאַלאַצען און טעמפּלען, אַרכיוועז און ביבליאָטעקען מיט אַ געוואַלדיג רייכער צאָהל פון טאָוולען מיט אויפשריפטען אויף דער באַבילאָניש-אַשורישער פלעקלעך-שריפט (כתב-היתדות). פּונקט אַזוי האָט מען אויך אויסגעגראָבען אין עגיפּטען די ליטע-ראַטור מיט דער בילדער שריפט (היעראָגליפען) פון די אַלטע עגיפּטער און אויך אַ סך טאָוולען מיט פלעקלעך-שריפט. ערשט די אויסגראָבונגען האָבען אונז געגעבען די מעגליכקייט זיך צו שאַפען אַ בילד פון דעם לעבען פון די סעמיטען און פון זייער געשיכטע.

די איינזעהעניש אַז אַלע סעמיטישע פעלקער האָבען געהאַט אַ שותפות'ע שפּראַך און שותפות'ע מנהגים פון לעבען האָט געפיהרט צו דעם שלוס, אַז זיי שטאַמען אַלע פון איין אור-היים. אין דעם פּונקט שטימען אַלע פאָרשער איין. די פּלוגתא איז נאָר וואו מיר האָבען צו זוכען די אורהיים פון די סעמיטען.

עס זענען געווען וועגען דעם פאַרשידענע טעאָריעס. עס איז געווען אַ באַבילאָנישע טעאָריע, לויט וועלכער באַבילאָניען איז געווען די אורהיים פון אַלע סעמיטען. עס איז אויך געווען אַ 'צפון-אַפריקאַנישע טעאָריע, לויט וועלכער אַלע סעמיטען האָבען געשטאַמט פון צפון-אַפריקא. היינט אָבער איז כמעט פון אַלע פאָרשער אָנגענומען די צפון-אַראַבישע טעאָריע, וועלכע נעמט אָן, אַז צפון-אַראַביען איז געווען די אורהיים, פון וועלכער אַלע סע-מיטען זענען געקומען, און פון וואַנען זיי האָבען זיך צעשפּרייט איבער די לענדער אַרום.

די געשיכטע פון די סעמיטישע פעלקער איז אַ געשיכטע פון וואַנדע-רונגען. אַרום אַראַביען אין צפון ציהט זיך אַ האַלבער עיגול פון פרוכטבאַרען ישוב-לאַנד, אַזוי ווי אַ האַלבע לבנה, וואָס איהרע ביידע שפּיזען זענען באַבילאָניען אין מזרח און פּאַלעסטינא אין מערב. אין צענטער פון דעם האַלבען עיגול ליגען מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים, נאַהארינא אין די אויס-געגראָבענע אויפשריפטען) און אַסיריען (אשור). פון דער אַנדערער זייט (פון

צפון־זייט) איז דער פרוכטבארער האלב־עיגול באגרעניצט פון בערג־קייטען און בערג־פעלקער. די סעמיטישע פעלקער פון אראבישען מדבר האָבען דעריבער תמיד געזוכט אריינצודרינגען און זיך צו באזעצען אין דעם פרוכבארען האלב־עיגול. נייע און נייע פעלקער־כוואליעס האָבען כסדר, מיט געוויסע הפסקות, זיך אריינגעגאָסען פון מדבר אין דעם ישוב־לאנד ארום, אריינגערעכענט אויך עגיפטען. אונז אינטערעסירען די דאָזיגע פעלקער־און־ראסען־וואנדערונגען, ווייל זיי ווייזען אונז די סביבה פון דער פאָרהיסטאָרישער צייט פון אידישען פאָלק און זיי ווייזען אונז אויך די הויכע מדרגה פון ציוויליזאציע וואָס האָט עקזיסטירט אין מערב־אזיען איידער די אידען האָבען אריינגעוואנדערט קיין פאלעסטינא.

די ערשטע פון אָט די וואנדערונגען איז פאָרגעקומען נאָך פאר'ן יאָהר 3000 (פאר דער קריסטליכער צייט). מ'רופט זי די באבילאָנישע וואנדערונג, אָדער ריכטיגער, די וואנדערונג פון די אקאדער. עס הייסט: אין באבילאָניען (אויך אין פאלעסטינא) האָט ביז דעמאָלט געוואוינט א ניט־סעמיטיש פאָלק, וואָס מ'רופט שומערער (שומער—שנער). זענען געקומען צו וואנדערען סעמיטען און האָבען זיך באזעצט אין לאנד און זענען מיט דער צייט געוואָרען האַרטען די באלעבאטים. די דאָזיגע סעמיטען רופט מען אקאדער, ווייל זייער צענטער איז אין אָנהויב געווען אקאד („אכד", בראשית קאפ. י. פסוק 10) אין צפון־באבילאָניען. די ערשטע באבילאָנישע מלכים, וועלכע האָבען באַהערשט דעם צפון און דעם דרום פון לאנד, האָבען זיך דעריבער גערופען מיט'ן טיטול „קעניג פון שומער און אקאד".

א צווייטע וואנדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מיטען פון דריטען יאָהר־טויזענט (פאר דער קריסטליכער צייט), האָט געבראכט קיין באבילאָניען און פאלעסטינא ד י א מ ו ר י ם. צו דעם דאָזיגען פאָלק פון די אמורים האָט אויך געהערט דער גרויסער קעניג פון בבל האמוראבי, (אמרפל מלך שנער) איינער פון די גרעסטע עראָבערער, אָרגאניזאטאָרם און געזעצגעבער פון אלטערטום. ער האָט געמאכט די שטאָדט בבל פאר דער הויפטשטאָדט פון גאנצען לאנד, און פון זיין צייט אָן רופט זיך דאָס לאנד באבילאָניען און דאָס פאָלק באבילאָניער.

אין אן ערך א פאר הונדערט יאָהר ארום איז פאָרגעקומען אן אנדער סעמיטישע פעלקער־וואנדערונג. דער פועל־יוצא פון דער וואנדערונג איז געווען וואָס פאלעסטינא איז פארנומען געוואָרען פון די כנענים און עגיפטען פון די היקסאָס. די נייע־געקומענע כנענים האָבען אוועקגעשטופט די

אמורים ווייטער קיין צפון, צו סיריען, בעת זיי גופא האָבען פאַרנומען פאַלעסטינא.

א פערטע וואנדערונג איז געווען די אראמעאישע (ארום דעם 14טען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט), וועלכע האָט געבראַכט די אראמעער פון מעסאָפּאָטאמיען קיין סיריען. די אידען גופא האָבען אין זייער טראדיציע זיך מתייחס געווען צו די אראמעער. אברהם קומט, לויט איין נוסח, פון ח ר ן, דעם אראמעאישען צענטער אין מעסאָפּאָטאמיען. שפּעטער קומט אויך רבקה פון דאָרטען, און אויך יעקב האָט זיך אויפגע־האַלטען א לענגערע צייט ביי זיין פעטער, לבן דעם אראמעער. די אידען, הייסט עס, האָבען באטראכט זיך גופא און די גאנצע גרופּע פון די עברים־פעלקער (אדום, עמון, מואב), וועמען זיי האָבען פארבונדען מיט אברהם'ען, אלס מיטגלידער פון דער אראמעאישער צס יוס3עיאאטשזרדאַנביאאטש

אין די ערשטע צוויי און א האלב טויזענד יאָהר פון דער וועלט־גע־שיכטע, האָט צו די סעמיטען געהערט די וועלט־הערשאפט. ביז די פּערסיער זענען געקומען אין 6טען יאָהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייט), האָבען ערשט בבל (בבל איז עראָבערט געוואָרען פון כורש מלך פּרס אין יאָהר 539) און די וועלט־הערשאפט איז פון דאן אָן אריבערגעגאנגען פון די סעמיטען צו די אינדאָ־איירעפּער.

נאָך א פינפטע סעמיטישע וואנדערונג פון אראביען איז פאָרגעקומען אונטער מוהאמעד'ס נאכפאָלגער פון 7טען און 8טען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייט. עס האָט דעמאָלט פיעל ניט געפעהלט, אז די וועלט־הערשאפט זאָל ווידער אריבערגעהן צו די סעמיטען (די אראבער). גייסטיג האָבען על־כל־פּנים די סעמיטען באהערשט דאן די וועלט. וואָרים די גאנצע וויסענשאפט איז אין יענער עפּאָכע אויפגעהאלטען און קולטיווירט געוואָרען דורך די אראבער און די אידען.

די ערשטע סעמיטישע מלוכה, וועלכע האָט באהערשט די וועלט, איז געווען די אלט־באבילאָנישע (צו אונטערשיידען פון דער שפּעטערער ניי־באבילאָנישער אָדער כאלדעאישער מלוכה פון די כשדים). די אלט־באבי־לאָנישע וועלט־מאכט האָט געדויערט פון בערך דעם אָנהויב פון דריטען יאָהרטויזענד (אָדער נאָך פריהער) ביז דעם 17טען יאָהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייט), ווען די קאסיטען, א ניט־סעמיטיש פאָלק, האָבען אריינגעוואנדערט אין באבילאָניען און זענען געוואָרען די הערשער פון דעם לאַנד. אין מעסאָפּאָטאמיען איז דאן אויך אויפגעקומען א מלוכה, וואָס

טראַגמו אין די אויסגעגראַבענע אויפשריפטען דעם נאָמען „מיטאַני". די דאָזיגע מלוכה האָט פארשפארט פאר די באבילאָניער דעם צוגאנג צום מיטעללענדישען ים. באבילאָניען האָט אויף דעם אופן פארלאָרען דעם וועלט־האנדעל און איז געוואָרען אויס וועלט־מאכט.

אין די קומענדיגע יאָהרהונדערטען איז עגיפטען געוואָרען א וועלט־מאכט. נאָכדעם ווי די סעמיטען פון אזיען, די היקסאָס, זענען ארויסגעטריבען געוואָרען פון לאנד (אין 16טען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט) איז עגיפטען געוואָרען אן אימפעריע און האָט ערָאבערט דעם מערב פון דינר סעמיטישער וועלט, פאלעסטינא און סיריען, ביז'ן טייך פרת. דער גרעסטער ערָאבערער פון דער עגיפטישער אימפריע איז געוועזן דער קעניג טהוטמאס דער דריטער. נאָכדעם ווי ער האָט ענדגילטיג צעשלאָגען די מלכים פון סיריען האָט ער אויפגעשטעלט לכבוד דעם זון־גאָט אטאָן אין העליאָפאָלים („און" אין תנ"ך) צוויי אָבעליסקען*).

ביים סוף פון צווייטען יאָהרהונדערט איז אויך די עגיפטישע וועלט־מאכט צעפאלען. א סך קליינע נאציאָנען אין פאלעסטינא און אין סיריען האָבען דאן געהאט א געלעגענהייט זיך פריי צו אנטוויקלען און זיך צו באפעסטיגען. צווישען די דאָזיגע נאציאָנען געהערען אויך די אידען, וועלכע האָבען דעמאָלט געגרינדעט זייער מלוכה אין ארץ ישראל.

די געשיכטע פון אידישען פאָלק אין דער אלטער צייט ווערט איצט, נאָך זייער ענטדעקונג פון דער געשיכטע פון דער אלטער סעמיטישער ציוויליזאציע, באטראכט גאנץ אנדערש ווי אמאָל. אמאָל איז די אידישע געשיכטע באטראכט געוואָרען אלס א גאנצע זאך פאר זיך. היינט אָבער קוקען מיר אויף דאָס אידישע פאָלק פון יענער צייט ווי אויף א מיטגליעד פון דער גרויסער סעמיטישער פעלקער־משפחה פון דרום־מערב אזיען, און אויף דאָס דעמאָלטיגע אידישע לעבען, קוקען מיר ווי אויף א טייל פון א גרויסער אונטערגעגאנגענער ציוויליזאציע. אָנשטאָט וואָס פריהער פלעגען מיר באטראכטען די אידישע געשיכטע פון אינווענינ, באטראכטען מיר זי איצט פון דרויסען. מיר זענען, הייסט עס, היינט ביכולת זיך אריבערצוטראָגען אין געדאנק אין דער דעמאָלטיגער ווייטער וועלט און פון איהר אויס צו קוקען אויף די אידען און זייער לעבען.

---

*) איינער פון זיי שטעהט איצט אין ניו יאָרק, אין סענטראל פארק („קלעאָפאטרא'ס נידל").

אין זייער מאטעריעלען לעבען זענען די אידען לגמרי געווען א טייל פון זייער סביבה. אין זייער העברעען גייסטיגען לעבען, זענען זיי עס אבער געווען בלויז ביז צו א געוויסער מאס. אויך גייסטיג האבען זיי אנגעהויבען וואקסען אין דער דאזיגער סביבה און האבען פון איהר געשעפט זייערע קולטורעלע כחות, אבער זיי האבען זיך באלד פארנומען אויף א נייעם אייגענעם וועג און האבען זיך געשטעלט העכער איבער זייער סביבה.

אנרעגונגען צום שטודיום:

1) פארגלייך די קינדער פון שם אין דעם פעלקער־טאוועל (בראשית קאפ. ד.) און די וויסענשאפטליכע גרופירונג פון די סעמיטישע פעלקער, וואס מיר האבען דא אויבען געגעבען.

2) באטראכט די וואנדערונגען פון די אבות און זייערע קינדער אין ליכט פון די סעמיטישע וואנדערונגען.

3) מיט וועלכער טעאריע וועגען דער אור־היים פון די סעמיטען שטימט דער קאפיטעל י"א פון בראשית?

ביבלאגראפיע:

וועגען די אויסגראבונגען אין אלטען מזרח:
די גרויסע אידישע געשיכטע, באנד 1, צוזאמענגעשטעלט פון חיים שוים, זייט 25, 26.

וועגען דער געשיכטע פון די סעמיטישע פעלקער אין דער אלטער צייט:
אין זעלבינגען בוך זייט 60—96 און אויך זייט 154—164.

פאר א גרינטליכערען שטודיום:

J. McCurdy, "History, Prophecy and the Monuments," Vol. I.

Eduard Meyer, "Geschichte des Altertums," 2te Auflage, 1, 2, 1909, paragraphs 330-358.

דאָם אידישע לאנד

1.

ד אָ ם ל א נ ד

דאָם אידישע לאנד, ארץ ישראל אָדער פאלעסטינא, איז אַ שמאָלער ערד־פאַס צווישען דעם מיטעללענדישען ים און דעם סירישען מדבר. געאָגראפיש איז עס א המשך, בערך דער דרום'דיגער דריטעל, פון סיריען. די גרעניצען אין מזרח און אין מערב באשטימען דער מדבר און דער ים. די גרעניצען אין צפון און אין דרום זענען אומבאשטימטע. געוועהנליך איז אין תנ"ך „פון דן ביז באר־שבע" די באצייכנונג פאר דער אידישער טעריטאָריע. עס הייסט: דער גרעניץ אין צפון איז געווען א ליניע געצויגען פון צור ביים פוס פון לבנון און חרמון צו מזרח צו ביז דער חורבה פון דן, און דער גרעניץ אין דרום איז געווען א ליניע געצויגען פון עזה פּארביי באר־שבע צום דרום־ענד פון ים־המלח. עס געפינען זיך אָבער אין תנ"ך אויך אידעאלע גרעניצען: אין צפון „ביז צום אריינגאנג אין חמת" און אין דרום ביז דעם „נחל מצרים" (וואדי על אריש), און איין ביבלישער שרייבער רוקט ארוים דעם אידעאלען אידישען גרעניץ אזש ביז דעם טייך פרת.

די הויפט־כאראקטעריסטישע שטריכען פון ארץ ישראל זענען:

1) פ א ר ש י י ד ע נ א ר ט י ג ק י י ט. אלע לאנדשאפטען פון דער וועלט זענען פארטראָטען אין ארץ ישראל, אזוי אז דאָם לאנד מעג מיט רעכט באצייכענט ווערען אלס „מיניאטור־אויסגאבע" פון ערד־קוגעל.

2) ב א ר ג י נ ק י י ט. דאָם לאנד איז מערסטענס בארגיג. א גאנץ קליינער טייל איז פלאכלאנד.

3) די צענטראלע לאגע. ארץ ישראל איז געווען דער בריק, דער דורכגאנג צווישען די גרויסע צענטערס פון ציוויליזאציע אין אל־טערטום, צווישען די מלוכות פון מעסאפאטאמיען און דער מלוכה פון טייך נילוס. גייסטיג איז דאס געווען א מעלה; די אידען האבען אויף דעם אופן געקאנט אויפנעמען אין זיך פארשידענע השפעות פון אלע זייטען און האבען געקאנט אנטוויקלען אוניווערסאלע געדאנקען און אן אוניווערסאלע ליטע־ראטור (די ביבעל). פאליטיש איז דאס אבער געווען אן אומגליק, ווארים די אידען האבען זיך תמיד געפונען צווישען דעם האמער און דער קאוואדלע און זענען צעדריקט געווארען אין קאמף פאר דער וועלטהערשאפט צווישען דעם מזרח און דעם מערב.

4) ארימקייט אין האפענס. דעריבער האט זיך נים געקאנט אנטוויקלען אין לאנד קיין גרויסער האנדעל.

5) נאהענטקייט צום מדבר. די אידען האבען דערי־בער קיינמאל נים אויפגעגעבען אין גאנצען זייער נאמאדישען קוק אויפ'ן לעבען און זענען געבליבען פאר'עקשנ'טע געגנער פון די עולות און פאר־דארבענקייטען פון דער ציוויליזאציע.

אזוי ווי ארץ ישראל איז א לאנד צעפיצעלט אין פארשידענע טיילען, קאן עס דעריבער איינגעטיילט ווערען אויף פארשידענע אופנים. מיר וועלען דא אננעמען די איינטיילונג פון דעם שרייבער פון ספר דברים. אריינלע־גענדיג זיינע ווערטער אין משה'ס מויל, וועמען ער שטעלט פאר האלטענדיג זיינע רעדעס אין עבר־הירדן, טיילט ער דאס לאנד איין ווייטער צו מערב ביז'ן ים אין:

1) ערבה.
2) הר.
3) שפלה.
4) נגב.
5) חוף־הים.

1) די ערבה. דער טיפער ערד־שניט, אין וועלכען דער ירדן פליסט, איז דער מערקווירדיגסטער שטעל אויפ'ן גאנצען ערד־קוגעל. ניטא נאך א ביישפיל וואו א שטיק ערד זאל ליגען דריי הונדערט פוס נידעריגער פאר'ן שפיגעל פון ים. וואולקאנישע אויסברוכען האבען געשאפען א גראבען הונדערט מייל לאנג און צווישען צוויי און פופצען מייל ברייט.

דער ירדן שפרינגט ארויס ביים פוס פון חרמון, געהט דורך דער אזערע

הולע (ווארשיינליך דער מי מרום פון יהושע י״א) און אין ווענינער ווי אין ניין מייל פאלט ער אראפ זעקס הונדערט און פופציג פוס און טרעט אריין אין ים־כנרת (ווערט אויך אנגערופען ים פון גליל און ים פון טבריה). פון דארטען געהט דער ירדן ארוים און פאלט ענדליך אריין אין דעם טויטען ים אדער ים־המלח.

די ערבה איז פארצאמט פון ביידע זייטען מיט צוויי בערג־קייטען. די בערג־קייט אין מזרח־זייט פון דער ערבה, צעפאלט אין דריי הויפט־טיילען: 1) דאס הויכלאנד פון בשן אין צפון, 2) דאס בערג־לאנד פון גלעד אין צענטער און 3) דאס הויכלאנד פון מואב אין דרום.

2) די בערג־קייט אין מערב־זייט פון דער ערבה הויבט זיך אן פון לבנון*). זי ווערט אונטערבראכען דורך דעם עמק יזרעאל (טאל עזדראלאן ביי די גריכען). דאס בערג־לאנד אין צפון־זייט פון עמק יזרעאל איז דער „גליל" (גאלילעא), אין דער אוראלטער צייט, דאס לאנד פון די שפטים נפתלי, אשר, זבולן און יששכר. אין דרום־זייט פון עמק יזרעאל שיקט די בערג־קייט ארוים א צווייג צום ים, דעם כרמל. דער הויפט־טייל פון בערג־קייט ציהט זיך אבער ווייטער צו דרום. פון עמק יזרעאל ביז בית־אל, טראגט די בערג־קייט דעם נאמען „הרי יהודה". פון חברון לאזט זי זיך אראפ נידריגער און נידריגער ביז אין מדבר אריין.

3) די שפלה איז א שטיק לאנד מיט נידריגע בערגלעך צווישען די „הרי יהודה" און דעם טאל פון די פלשתים ביים ברעג ים.

4) דער נגב (טרוקען לאנד, סטעפע) ציהט זיך פון חברון ביז באר־שבע אדער לויט מאנכע ביז קדש־ברנע.

5) דער חוף הים (ים־ברעג) צעפאלט אין דריי טייל. דער צפון ביז'ן כרמל, מיט די צוויי וויכטיגסטע האפען־שטעדט צידון און צור, האט געהערט צו די פעניקיער, א צווייג פון די כנענים. דאס גרעסטע האנדעלס־פאלק פון אלטערטום. דעם דאזיגען טייל פון ים־ברעג האבען די אידען קיינמאל ניט פרובירט עראבערען און האבען קיינמאל ניט געמאכט קיין פרעטענזיעס דערויף. פון כרמל ביז יפו, ארום זעכציג מייל, הייסט דאס פלאכלאנד ביים ברעג ים שרון.

פון יפו ארום פופציג מייל צו דרום שפרייט זיך אויס דער טאל פון די פלשתים, דער פרוכטבארסטער טייל פון גאנצען ים־ברעג. דארטען האבען

---

*) דעריבער דער אויסדרוק „ההר הטוב הזה והלבנון", דברים ג, 25.



די אַלטע סעמיטישע וועלט

זיך געפונען די פינף שטעדט פון די פלשתים: עקרון, גת, אשדוד, אשקלון און עזה.

.2

די איינוואוינער און די שכנים פון לאנד.

די אידען זענען ניט געווען די ערשטע איינוואוינער פון פאלעסטינא. לאנג פאר די אידען, אין די פריהערדיגע סעמיטישע וואנדערונגען, האבען זיך דארטען באזעצט די אמורים און די כנענים. די אידען אריינקומענדיג אין לאנד האבען דארטען געפונען א פארטיגע ציוויליזאציע פון די כנענים: באפעסטיגטע שטעדט, אגריקולטור, האנדעל א. ז. וו. אויך די אמורים און די כנענים זענען ניט געווען די סאמע ערשטע איינוואוינער פון לאנד. עס געפינען זיך נאך אין תנ"ך מטושטש'ע ערינערונגען פון יענע ארויסגע־שטופטע אוראיינוואוינער. זיי ווערען לעגענדאריש באצייכענט אלס „רפאים", „ענקים", „נפילים", דאס הייסט ריזען.

די אידישע שכנים אין דרום און אין דרום־מזרח זענען געווען אדום, עמון און מואב, וועלכע האבען געהערט צו דערזעלבער משפחה פון די עברים־פעלקער ווי ישראל.

אין צפון האבען די אידען געהאט פאר שכנים די ארמים און די חתים. אין דער עלטערער צייט האבען די חתים באהערשט סיריען, נאר שפעטער זענען די אראמעער געקומען צו וואנדערען פון מדבר און האבען זיי ארויס־געשטופט. וואס פאר א פאלק די חתים זענען געווען, ווייסט מען נאך ניט, ווייל מען האט זייער שפראך נאך ניט אנטציפערט; דאס איינציגע וואס מ'ווייסט יא איז, אז זיי זענען ניט געווען קיין סעמיטען.

אין מערב, ביים ים־ברעג, האבען די אידען געהאט פאר שכנים: אין דרום־זייט די פלשתים, מיט וועלכע מיר וועלען זיך באקאנען שפעטער ביי דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה, און אין צפון־זייט די פעניקיער, די כנענים פון צור און צידון, מיט וועמען די אידען זענען אין די צייטען פון דוד, שלמה און עמרי־אחאב געשטאנען אין זעהר פריינדליכע באציהונגען.

.3

די געשיכטע פון דעם לאנד

ארץ ישראל אלס א לאנד האט אנגעהויבען שפילען א ראלע אין דער געשיכטע פון דער סעמיטישער וועלט, אפשר נאך מעהר ווי צוויי טויזענד יאהר איידער די אידען זענען א פאלק געווארען. די אויסגעגראבענע אויפשריפטען האבען באוויזען, אז אין דריטען און אין אנהויב פון צווייטען יאהרטויזענד פאר דער קריסטליכער ערא, איז ארץ ישראל געשטאנען פאליטיש און קולטורעל אונטער דער באבילאנישער השפעה. אין די באבילאנישע אויפשריפטען פון יענע צייטען, ווערען פאלעסטינא און סיריען אנגערופען דאס לאנד „אמורו" אדער „מארטו". עקספעדיציעס פון די באבילאנישע מלכים פלעגען צוקומען ביז צום סאמע ברעג פון מיטעללענדישען ים, און סוחרים פון בבל, חרן און דמשק פלעגען פיהרען זייערע סחורות אויף די הויקערס פון קעמלען קיין עגיפטען און אראביען איבער דעם וועג וואס האט זיך געצויגען דורך פאלעסטינא אין דעם פלאכלאנד ביים ברעג ים. פון יענער צייט זענען געבליבען אין ארץ ישראל אזוינע נעמען פון באבילאנישע געטער ווי: נבו, סין, שמש (בית־שמש) און אנדערע.

ארום דעם 17טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייט) איז בבל געווארען אויס וועלט־מאכט. עגיפטען, נאך דער פארטרייבונג פון די היקסאס, האט אין די קומענדיגע יאהרהונדערטען אויסגעשפרייט איהר ממשלה איבער מערב־אזיען ביז'ן פרת, און פאלעסטינא איז דעמאלט געווארען א פראווינץ פון דער עגיפטישער אימפעריע.

ווי האט ארץ ישראל אויסגעזעהן אין דער צייט פון דער עגיפטישער אימפעריע, באזונדערס אונטער די לעצטע פרעה'ס פון דער 18טער דינאסטיע, ארום 14טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער ערא?

ביז ניט לאנג האט מען וועגען דעם קיין שום ידיעה ניט געהאט. ערשט די טאוולען וואס זענען אויסגעגראבען געווארען אין יאהר 1888, אין דעם דארף טעל־על־אמארנא, ביים מזרח־ברעג פון נילוס, אין דרום־עגיפטען, האבען אנטדעקט פאר אונז די געשיכטע פון פאלעסטינא אין יענער צייט. מען באצייכענט דעריבער יענע תקופה אין דער געשיכטע פון פאדער־אזיען, לויט די דאזיגע טאוולען, אלס די טעל־על־אמארנא־צייט. די טאוולען זענען בריף אין דער פלעקעד־שריפט פון די מלכים פון בבל, אשור און מיטאני צו

אמענהעטעפ דעם דריטען און אמענהעטעפ דעם פערטען פון עגיפטען, און רעפארטען פון לאקאלע גובערנאטארען און פירשטען אין סיריען, פא־ לעסטינא און פעניקיען צו די דאזיגע פרעה׳ס פון עגיפטען.

אמענהעטעפ דער פערטער איז דער אפיקורס־קעניג, וועלכער האט גע־ זוכט איינצופיהרען אין עגיפטען דעם דיענסט פון איין גאט, דעם זון־גאט אטאן. ער האט זיך אפגעגעבען מעהר מיט רעליגיאן ווי מיט פאליטיק. די עגיפטישע אימפעריע איז דעריבער געווארען אפגעשוואכט אין אזיען. אין סיריען האבען צוליעב דעם די חתים באקומען א גרויסע מאכט, און די פירשטען פון דעם אמורו־לאנד (לאנד פון דעם אמורי אין דרום־סיריען) האבען זיך געווארפען אין זייער פאליטיק צווישען עגיפטען און די חתים. אין דרום־פאלעסטינא, באקלאגט זיך דער גובערנאטאר פון אורו־שאלעם (ירושלים) אבדיתיבא, אז די האבירי פארשפרייטען זיך אין לאנד. וועגען די דאזיגע „האבירי" פון די אמארנא־טאוולען איז א סך טינט פארגאסען געווארען דורך די פארשער און א סך השערות זענען געמאכט געווארען. געוועהנליך נעמט מען אן, אז דאס זענען געוועזען די עברים־שבטים, וועלכע זענען געקומען פון מדבר פאר די אידען, ווי א שטייגער עמון, מואב און אדום. על־כל־פנים איז די וואנדערונג פון די אידען געוועזען א טייל פון אט דער גרעסערער וואנדערונג פון די האבירי־שבטים.

דער נאמען „האבירי" מאכט אויף יעדען פאל קלארער דעם נאמען עברים פון תנ"ך. אין תנ"ך געפינען מיר צוויי דערקלערונגען פאר דעם נאמען עברים. איין דערקלערונג איז, אז דער נאמען שטאמט פון דעםווארט „עבר", א זייט, ווייל די אבות פון אידישען פאלק זענען געקומען „מעבר לנהר", פון יענער זייט פון טייך פרת. א צווייטע דערקלערונג איז, אז אלע עברים זענען קינדער פון שם׳ס אן אוראייניקעל מיט׳ן נאמען עבר. מאנכע פארשער האבען דערקלערט דעם נאמען „עברים", ווייל די אידען האבען אריינגעוואנדערט אין כנען פון יענער זייט ירדן („מעבר לירדן").*) אין ליכט אבער פון די אמארנא־טאוולען ווייזט עס אויס, אז „האבירי־עברים", איז געוועזען אן אלגעמיינע באצייכנונג פאר נאמאדען (עברים־עוברים, וואנ־ דערער.) **)

דאס מערקווירדיגסטע אבער וואס עסווארפט זיך אין די אויגען אין

---

*) אזוי לויט ב. שטאדע, געשיכטע דעם פאלקעס איזראעל.

**) אזוי לויט ת. ווינקלער.

די אמארנא־בריף איז דער פאקט וואָס עגיפּטישע גובערנאטאָרען שרייבען בריף צום עגיפּטישען קעניג ניט אויף עגיפּטיש, נאָר אין דער שפּראך און שריפט פון באבילאָניען. דאָס ווייזט, אז לאנג נאָך איידער עגיפּטען איז געוואָרען אן אימפּעריע, אין דריטען און אין אָנהויב פון צווייטען יאָהר־טויזענד (פאר דער קריסטליכער ערא), איז די באבילאָנישע שפּראך און קולטור שוין געווען אזוי שטארק פארשפּרייט און איינגעפונדעוועט אין פּאלעסטינא און סיריען, אז אפילו די עגיפּטישע עראָבערונגען אין די דאָזיגע לענדער האָבען ניט געקאָנט ענדערען אָט דעם צושטאנד. גייסטיג, הייסט עס, בלייבען פּאלעסטינא און סיריען אויך ווייטער אונטער דער באבילאָנישער השפּעה.

וועגען פּאלעסטינא נאָך דער אמארנא־צייט, אין 13טען און 12טען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער ערא, וועלען מיר רעדען שפּעטער, ווען מיר וועלען קומען צו יציאת מצרים.

אָנרעגונגען צום שטודיום:

1) באטראכט אין דעם ליכט פון דער געאָגראפיע פון פּאלעסטינא פאָלגענדע שטעלען אין תנ״ך.

בראשית י״ב 8—10; כ״ד 62; במדבר י״ג 17, 22; דברים א 7; ב 14; ח 7—9; ל״ד 1—3.

2) באטראכט די מיטאָלאָגישע פאָרשטעלונג וועגען די אוראיינ־וואוינער פון לאנד, די „נפילים“, אין בראשית ו 1—4.

3) פאר וואָס איז אין העברעאיש „נגב“ א באצייכנונג פאר דרום?

4) דערקלער פארוואָס ישראל איז אין דער טראדיציע דער אינגסטער פון אברהם׳ס ברייטער משפּחה.

5) באטראכט דברים ו 10—11 אין ליכט פון דער אורגעשיכטע פון פּאלעסטינא.

6) דערקלער לויט דעם, פארוואָס אין דער אידישער טראדיציע איז נח און ניט אברהם דער ערשטער וויין־פּלאנצער.

ביבליאָגראַפיע:

וועגען דער געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינא:

די גרויסע אידישע געשיכטע, באנד 1, ז. 29—53. ארץ ישראל, פון בן־גוריון און בן־צבי, ז. 125—176.

וועגען די איינוואוינער פון לאנד:

די גרויסע אידישע געשיכטע, באנד 1, ז. 54—59.

וועגען דער אורגעשיכטע פון לאנד:

אין זעלבינען בוך ז. 60—127.

לעזבארע ביכער אין ענגליש וועגען דעם פּרט:

Paton, Lewis B., "Early History of Palestine and Syria."

Cormack, George, "Egypt in Asia."

פאר א ברייטערען שטודיום:

McCurdy, J., "History, Prophecy and the Monuments," Vol. I.

די טעל־על־אמארנא בריף איבערזעצט אין:

Rogers, R. W., "Cuneiform Parallels to the Old Testament," 252-278.

Gressmann, H., "Altorientalische Texte" S. 129-134.

קאָרעספּאָנדענץ־קורס,
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער
פאַרבאַנד

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער צושפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה

פון

חיים שויס

דריטע לעקציע.

די אָבות.

היסטאָרישע און פאַרהיסטאָרישע צייט

די אידישע געשיכטע, פונקט ווי די געשיכטע פון אלע אנדערע פעלקער, ווערט איינגעטיילט אין א היסטאָרישער און א פאַר־היסטאָרישער צייט. די היסטאָרישע צייט פון א פאָלק הייבט זיך אָן ווען עס איז שוין אָרגאַניזירט פּאָליטיש אין זיין לאנד, וואו עס האָט זיך באזעצט, און עס שאפט שוין געשריבענע דאָקומענטען וועגען זיין לעבען. דאָס איז די צייט ווען א פאָלק לעבט שוין אין דער ליכטיגקייט פון דער היסטאָרישער וועלט און שטעהט שוין אין קלאָרע באציהונגען צו אנדערע פעלקער. אָבער פאר דער היסטאָרישער צייט פון א פאָלק ליגט זיין פאַר־היסטאָרישע צייט, ווען עס הייבט נאָר וואָס אָן ארויסצוטרעטען פון טונקעלען בין־השמשות פון נאטור־לעבען און זיך צו אָרגאַניזירען אלס א נאַציאָנאַלע איינהייט.

פון דער פאַר־היסטאָרישער צייט פון פעלקער בלייבען ניט קיין געשריבענע דאָקומענטען, וויל מענשען שרייבען נאָך ניט אין אזעלכע צו־

שטאנדען. עס בלייבען בלויז טראדיציעס, אלערליי ערינערונגען, וועלכע די פּאָעטישע פאנטאזיע פון פּאָלק גיט איבער מיט די וואונדערליכע פארבען פון לעגענדען. די פּאָר־היסטאָרישע צייט מעג בכן אויך באצייכענט ווערען אלס די לעגענדארישע צייט פון א פּאָלק. עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז וועגען יענער אור־גראָהער צייט קענען מיר ניט מעהר ווי זיך מאכען א טונקעלע פּאָרשטעלונג, ארויסנעמענדיג א היסטאָרישען תמצית פון די פאר־שידענע לעגענדען און טראדיציעס. מיר קאָנען אָבער ניט זאָגען באשטימט און זיכער, וואָס עס איז דעמאָלט פּאָרגעקומען.

דער אָנהויב פון דער היסטאָרישער צייט אין דער אידישער געשיכטע.

די היסטאָרישע צייט אין דער געשיכטע פון אידישען פּאָלק הייבט זיך אומגעפעהר אָן מיט דוד'ן, ארום דעם יאָהר 1000 פאר דער קריסטליכער ערא. פון דוד'ס צייט זענען אונז שוין געבליבען מאנכע געשריבענע שטי־קער אין תנ"ך. אָבער מיט וואָס הייבט זיך אָן די אידישע פּאָר־היסטאָ־רישע צייט? דאָס איז א פראגע, אויף וועלכער עס איז ניט אזוי גרינג צו ענטפערען.

דער אָנהויב פון די אידען אַלס פּאָלק און די מעשיות וועגען די אָבות.

די עלטסטע טראדיציעס וועגען די אידען אלס פּאָלק הייבען זיך אָן אין חומש שמות מיט דער קנעכטשאפט אין מצרים און מיט משה'ס טע־טיגקייט אלס באפרייער. אין די דאָזיגע טראדיציעס ווערען שוין די אידען אָנגערופען „בני ישראל", דער נאָמען וואָס זיי האָבען געטראָגען אין דער היסטאָרישער צייט. אָבער פאר די לעגענדען פון דער אידישער אונטער־דריקונג אין מצרים געהען פּאָראויס, אין חומש בראשית, די געשיכטען וועגען די אָבות און זייערע קינדער.

די סצענע פון די אבות־געשיכטען

די סצענע פון די אָבות־געשיכטען איז די ברייטע סעמיטישע וועלט, עניפּטען אריינגערעכענט. מיר הערען דאָרטען פון די אלטע צענטערס פון סעמיטישער ציוויליזאציע אין מעסאָפּאָטאמיען, ווי אור־כשדים און חרן, די שטאָט פון נחור'ן; מיר הערען דאָרטען פון די עלטסטע שטעט אין

פּאַלעסטינא, ווי: בית־אל, חברון, שכם, באר־שבע, און מיר ווערען אויך אריבערגעטראָגען אין עגיפּטען, אין צייטען ווען עס הערשט א הונגער אין כנען.

דער אופן פון לעבען פון די אבות

די אָבות און זייערע קינדער ווערען פאַרגעשטעלט פּירענדיג א פרידליך לעבען פון האלבע נאָמאדען. זיי וואנדערען ארום מיט זייערע סטאדעס, אָבער כל זמן זיי האָבען פּאשע זיצען זיי אויף איין אָרט און פארזעען אויך אַפּטמאָל א שטיקעל לאנד (בראשית כ"ו 12).

דער כאראקטער פון די אבות־געשיכטען

פון אויבען אויף דאכט זיך, אז די מעשיות פון די אידען אין מצרים אין חומש שמות זענען א דירעקטער המשך פון די מעשיות וועגען די אָבות אין חומש בראשית. אין דער מסורה איז טאקע דער חומש בראשית ניט מעהר ווי איינער, דער ערשטער, פון די פינף חומשים. אין דער מאָדער־נער ביבעל־פּאָרשונג אָבער ווערט דער חומש בראשית באטראכט אלס א באזונדער בוך פאר זיך. וואָרים די מעשיות, וואָס ווערען דאָרטען דער־צעהלט פון דער אידישער אורצייט, זענען פון א גאנץ אנדער סאָרט איידער די מעשיות פון חומש שמות אָן און ווייטער. אין די אָבות־געשיכטען ווערט אין ערגיץ ניט גערעדט וועגען א אידיש פאָלק און אידישע פאָלק־אינטערע־סען, נאָר וועגען א אידישער משפחה און וועגען כל'ערליי ענינים און פּלאָנטערס, וועלכע קומען פּאָר אין משפחה־לעבען און אין וועלכע דער פּשוט'ער פאָלק־מענש איז אזוי שטארק פאראינטערעסירט. מ'קאָן זאָגען בקיצור, אז אין די ווייטערדיגע מעשיות פון חומש האָבען מיר פאָלק־געשיכטע אין א לעגענדארישער פארב, אָבער אין די מעשיות פון די אָבות האָבען מיר א פאמיליען־געשיכטע, א באזונדער סאָרט פון אידישען פאָלק־לאָר אין דער אוראלטער צייט. דאָס זענען פאָלקס־מעשיות וואו די אור־געשיכטע, דער כאראקטער און דער אופן פון לעבען פון שבטים, פון פעל־

קער און אויך פון ערטער ווערן פֿאַרגעשטעלט אין דער פֿאָרם פון אַ סדר־היחוס און אַ געשיכטע פון אַ פֿאַמיליע.

אורגעשיכטע אין די מעשיות פון די אבות

אין מאנכע טיילען פון די אָבות־געשיכטען שפּיגלען זיך אָפּ געוויסע געשעהעניִשען פון דער אורצייט פון די סעמיטישע פעלקער. למשל, אין דער וואנדערונג פון אברהם'ס פארצווייגטער משפחה פון חרן קיין כנען זעהט מען, ווי אַ גרופּע שבטים, פון וועלכע שפּעטער זענען געוואָרען באַזונדערע פעלקער, האָט אין די צייטען פון דער אראמעאישער וואנדערונג זיך אָפּגעטיילט פון די אראמעער (תרח־נחור־לבן) און געוואנדערט ווייטער קיין מערב, קיין כנען. דאָס איז די גרופּע פון די עברים־פעלקער, פון וועלכע די אידען האָבען זיך שפּעטער אויסגעשיידט אלס באַזונדער פאָלק, דאָס פאָלק ישראל. די דאָזיגע וואנדערונג פון די עברים, מעג מען אָננעמען, איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פון דעם שוין פריהער דערמאָנטען אפּיקורס־קעניג פון עגיפּטען אמענהעטעפּ דעם 4טען (אין 14טען יאָרהונדערט פאר דער קריסטליכער ערא), און די דאָזיגע עברים־שבטים זענען עס די „האבירי", אויף וועלכע אבדיחיבא, דער עגיפּטישער גובערנאטאָר אין ירושלים, באקלאָגט זיך פאר פּרעה'ן אין די טעל־אמארנא־בריף, אז זיי באאומרוהיגען שטארק דאָס לאנד. אזא מין וואנדערונג פון דער אורצייט שפּיגעלט זיך אויך אָפּ אין דער יוסף־געשיכטע. דאָ זעהט מען ווי אַ גרופּע שבטים וואַנדערען אין אַ הונגער־צייט פון כנען קיין עגיפּטען און פּועל'ען ביי די עגיפּטער זיי צו לאָזען זיך אויפהאלטען מיט זייערע סטאדעס אין עגיפּטען, אַ זאַך, וואָס פלעגט אָפט פֿאָרקומען אין יענע צייטען.

אופנים און צושטאַנדען פון לעבען פון פעלקער און ערטער.

אין מאנכע מעשיות פון בראשית שפּיגלען זיך אָפּ דער אופן פון לעבען און דער כאראקטער פון געוויסע פעלקער און ערטער. אין דער עשו־געשיכטע, למשל, שפּיגעלט זיך אָפּ דער אופן פון לעבען פון די אדומים, די קינדער פון דעם לעגענדארישען עשו. עשו לעבט פון שווערד, עס הייסט: די אדומים לעבען פון באפאלען די קאראוואנען, וואָרים זייער לאנד, דער

בארג שעיר, האָט ניט קיין טוי פון הימעל און קיין פעטקייט פון דער ערד, און זיי קאָנען דעריבער ניט לעבען פון דער פרוכט פון באָדען. אין דער געשיכטע פון ישמעאל'ן ווערט געגעבען א כאראקטעריסטיק פון די ישמעאלים. ישמעאל איז א ווילדער אייזעל, עס הייסט: די ישמעאלים זענען ווילדע בעדואינער, וועלכע האלטען זיך כסדר אין ארומרייסען מיט די שכנות'ע שבטים פון מדבר. אויך ערטער ווערען פאָרגעשטעלט אלס פער־זאָנען. למשל, דאָס צוזאמענלעבען און די פארמישונג פון די אידען מיט די כנענים אין דער שטאָט שכם אין דער צייט פון די שופטים ווערט פאָר־געשטעלט אלס א ליבעס־פארהעלטעניש צווישען שכם און דינה (דער בחור שכם איז די שטאָט שכם און די מיידעל דינה איז ווארשיינליך א אידישער שבט אָדער משפחה, וואָס האָט דאָרטען געוואוינט צוזאמען מיט די כנענים, ווי עס איז געשילדערט אין שופטים קאפ. ט).

שייכות און קרובה'שאפט צווישען שבטים און פעלקער.

אין דעם סדר־היחוס פון דער פאמיליע פון די אָבות האָבען די אידען אויך פאָרגעשטעלט די שייכות צווישען די שבטים פון ישראל און זייער קרובה'שאפט צו די פעלקער ארום. למשל, מאן און פאָטער איז דער שטאר־קערער שבט, וועמעס נאָמען דער שוואכערער נעמט אָן. ווייב און מוטער איז דער שוואכערער שבט, אָדער דער שוואכערער טייל, אָדער שוואכערע משפחה פון שבט, וואָס ווערט מיט דער צייט פארשלונגען פון שטארקערען און פארלירט אויף דעם אופן דעם אייגענעם נאָמען. גלייכשטעהענדע שבטים ווערען פאָרגעשטעלט אלס ברידער. אומגלייכע שבטים ווערען גע־אָרדנעט לויט דעם עלטער און לויט די מוטערס: אויב פון איין מוטער, פון פארשידענע מוטערס אָדער גאָר פון א קעפסווייב. דער שטארקסטער שבט ווערט פאָרגעשטעלט אלס דער בכור.

אם נעהנטסטען האָבען די אידען זיך געפיהלט מיט די אדומים; יעקב און עשו זיינען דעריבער צווילינגס־ברידער. אביסעל ווייטער האָבען די אידען זיך שוין געפיהלט מיט די ישמעאלים, וועמען זיי האָבען געמאכט פאר קינדער פון אברהם'ס א קעפסווייב. נאָך ווייטער — מיט עמון און מואב, די קינדער פון אברהם'ס פלעמעניק לוט, און אזוי ווייטער.

ווי אַזוי עס זיינען אַנטשטאַנען די מעשיות וועגן די אָבות.

די מעשיות פון די אבות זענען לכתחילה געווען איינצעלנע לאָקאַלע מעשה׳לעך, וועלכע זענען וואָס ווייטער אַלץ מער צונויפגעבונדען און צונויפגעפלאָכטען געוואָרען אין דעם מויל פון פאָלק, ביז זיי זענען מיט דער צייט געוואָרען איין צוזאַמענהענגענדע געשיכטע. יעדער דור האָט בכן צוגעלעגט אַ שטיק, האָט צוגעשפּונען אַ נייעם פאָדים צו דעם וואונדערליכען לעגענדארישען געוועב. עס איז דעריבער אוממעגליך פאַנאַנדערצונעמען היינט די איינצעלנע פעדים און צו ווען דערקענען אין זיי די פאַרב פון דער צייט, וועלכע האָט זיי געשאַפען. בלויז אין איינצעלנע פאַלען קאָן מען עס דערקענען. די מעשה, למשל, ווי יעקב קריגט די בכורה און די ברכה און עשו ווערט געשאָלטען צו דינען יעקב׳ן, זענען, קאָן מען זעהן, אַ פּראָדוקט פון דער צייט ווען אדום איז אונטעריאָכט געוואָרען אונטער ישראל. די מעשיות האָבען, הייסט עס, ניט געקאָנט אַנטשטעהן פאַר דוד׳ס נצחונות איבער די שכנים־פעלקער פון ישראל. ווי מיר זעהען דאָ, האָבען די מעשיות פון די אבות, הגם מען האָט זיך זיי דערצעהלט מינדליך פון די עלטסטע צייטען אָן, דאָך נאָך צוגעקראָגען נייע שטריכען פון אידישען לעבען אין דער היסטאָרישער צייט, עס הייסט: אין דער עלטערער צייט פון דער מלוכה.

קולטור־געשיכטליכעס אין די מעשיות פון די אבות

דאָס וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט איז בלויז בנוגע צו די פאַקטען פון די מעשיות. אָבער בנוגע צו די פאַרבען און די שילדערונגען פון די געשיכטען זיינען זיי אַלע אַ פּראָדוקט פון דער עלטערער צייט פון דער מלוכה, פון דער סביבה וואו זיי זענען צולעצט דערצעהלט געוואָרען איידער זיי זענען אויפגעשריבען געוואָרען אין זייער היינטיגען נוסח. אַ איד, למשל, אין דער צייט פון ירבעם בן־נבט אָדער פון עָמרי האָט דערצעהלט די מעשיות פון דער אורצייט מיט דער פאַרב פון דעם לעבען, וואָס ער האָט געזעהן אַרום זיך. די אָבות זענען דעריבער ענג פאַרבונדען מיט די אַלטע היילינגטימער פון כנען. אברהם, למשל, איז פאַרבונדען מיט דעם היילינגען בוים פון חברון, מיט דעם היילינגען קוואַל פון באר־שבע און אויך מיט אַנדערע היילינגטימער; יצחק איז פאַרבונדען מיט דעם קוואַל פון באר־שבע און מיט דעם קוואַל פון לחי־רואי; יעקב איז פאַרבונדען מיט דעם היילינגען

שטיין (מצבה) פון בית־אל (יעקב'ס צוקאָפּענס) און מיט די הייליגטימער פון מחנים, פּנואל, שכם. די דאָזיגע הייליגטימער האָבן די אידען אריבער־גענומען פון זייערע שכנים, די כנענים, זיך איינלעבענדיג אין דעם לאַנד. די אבות ווערן פאַרגעשטעלט דינענדיג דאָרטען יהוה אויף דעם אופן בערך ווי די אידען האָבן געדינט צו אים אין דער עלטערער צייט פון דער מלוכה. אין דעם פּרט איז דער חומש בראשית א רייכער אוצר פון קולטור־געשיכטע פאַר דער עלטערער צייט פון דעם אידישען לעבען אין ארץ ישראל, אן אוצר וואָס לאָזט זיך גאָר ניט אויסשעפּען.

דערקלערליכעס און אומדערקלערליכעס אין די מעשיות פון די אבות

ווי מיר זעהען דאָ לאָזען זיך וויסענשאפטליך דערקלערען א סך עלע־מענטען און שטריכען אין דער אָבות־געשיכטע. מאַנכע עלעמענטען אָבער האָבען נאָך קיין קלאָרע, וויסענשאפטליכע אויסטייטשונג ניט געפונען. אַט למשל, די נעמען פון די דריי אבות: אברהם, יצחק און יעקב.

זיי דערקלערען אלס אָפּשפּיגלונגען פון צושטענדען אין דער היסטאָ־רישער צייט, לאָזט זיך ניט. אין דער היסטאָרישער צייט, למשל, ווייסען מיר ניט פון קיין שום נאָהענטער שייכות און קיין שום באציהונגען צווישען די אידען און די ישמעאלים. טאָ פון וואנעט קומט עס וואָס יצחק און ישמעאל זענען ברידער און האָבען א שותפות'ען פאָטער? דערקלערען די אבות אלס פּערזאָניפיצירטע פעלקער, איז אויך ניט מעגליך. פּערזאָניפי־צירטע פעלקער זענען ישראל און זיינע זיהן, אָבער ניט אברהם און יצחק, מיר האָבען ניט קיין שום שפּור פון א פאָלק אָדער שבט אברהם אָדער יצחק. אויך יעקב איז געווען א באצייכענונג פאַר דאָס אידישע פאָלק נאָר מחמת די טראַדיציע האָט אידענטיפיצירט יעקב מיט ישראל. פאַרקערט ווידער ווייסען מיר פון אברהם און יעקב אלס סעמיטישע אייגען־נעמען פון פּערזאָנען. עס איז פאַראן א מיטאָלאָגישע טעאָריע, וועלכע דערקלערט די אבות אלס געוועזענע לאָקאלע געטער פון די כנענים, וועלכע די אידען האָבען פאַרוואַנדעלט אין אבות. אברהם, הייסט עס לויט דעם, איז לכתחילה געווען א לאָקאַלער גאָט פון חברון, יצחק — פון באר שבע, יעקב — פון בית־אל. די דאָזיגע טעאָריע איז אָבער אן אויבער־סברא, וואָס ווערט היינט פון זעהר ווייניג פאַרשער פאַרטראָטען.

קורצער סך־הכל

די אונטערשטע שורה פון אלצדינג איז, אז די טראַדיציעס פון דער פּאַרהיסטאָרישער צייט פון אידען אלס פאָלק היבען זיך טאַקע אָן אין חומש שמות מיט דער אידישער אונטערדריקונג אין מצרים און מיט משה׳ס טעטיגקייט אלס באפרייער, אָבער אַלעס ארום און ארום צווינגט אונז אָנ־צונעמען, אז נאָך אין דער צייט פאַר משה׳ן האָבען אידישע שבטים אָדער משפחות זיך געפונען אין כנען און אז זייער שיקזאַל, און פיליכט אויך דער שיקזאל פון זייערע פירער, איז געווען דאָס קערענדעל, ארום וועלכען די אידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט שפּעטער ארומגעפלאָכטען דעם וואונ־דערליכען לעגענדען־קראַנץ פון די אבות און זייערע קינדער.

אָנרעגונגען צום שטודיום:

1) קוק נאָך וועלכע מעשיות פון די אבות שפּילען זיך אָפּ אין מע־סאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים), וועלכע אין פאַלעסטינא (כנען) און וועלכע אין עגיפּטען (מצרים).

2. באַטראַכט ווי שוואַך די פאַרבינדונג איז צווישען חומש בראשית און די וויטערדיגע חומשים אין די ערשטע פסוקים פון שמות.

3. זוך אויף אין חומש בראשית מיט וועלכע ערטער אין ארץ ישראל יעדערער פון די אָבות איז פאַרבונדען און ווי אַזוי די פאַרבינדונג ווערט דאָרטען דערקלערט.

4. לעז דורך און פאַרגליך בראשית ל״ד און שופטים קאַפּיטעל ט.

5. וואָס איז דער וויסענשאַפטליכער פשט פון דער טראַדיציע אין חומש בראשית, אז עשו איז געווען דער בכור, נאָר יעקב (ישראל) האָט צוגענומען זיין בכורה?

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע:

וועגען די אבות: די גרויסע אידישע געשיכטע, באַנד 1, ז. 131—151.
וועגען דעם לאָקאַלען כאַראַקטער פון די אבות־געשיכטען: אין זעל־בינען בוך ז. 20—21.
פאַר א גרינטליכען שטודיום:
R. Kittel, Geschichte des Vo kes Israel, 2te Aufl. Band I., 1912.

פערטע לעקציע

A. MAYMUDES

יציאת מצרים

די ערשטע טראדיציעס וועגן די אידען אלס פאָלק הייבען זיך אָן מיט דער פארשקלאפונג פון דעם „עם בני ישראל" אין מצרים און זייער באפרייאונג דורך משה'ן. עס ווערען דערצעהלט א סך געשיכטען וועגען דעם, אָבער אלע זענען זיי אין א פאָרם פון א לעגענדארישער ערינערונג. מיר געפינען דאָרטען ניט קיין באשטימונג פון דער צייט, ווען די געשעעניש זאָלען האָבען פּאָרגעקומען, און מיר הערען אויך ניט פון קיין פערזאָנען, וועלכע לאָזען זיך נאָכווייזען היסטאָריש. דער קעניג פון מצרים ווערט אין ערגיץ ניט דערמאָנט מיט זיין נאָמען, נאָר ער ווערט אָנגערופען פרעה, „דאָס גרויסע הויז", ווי דער עגיפּטיער האָט באצייכענט זיין הערשער, ענליך ווי דער טערק רופט דעם הויף און די רעגירונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל „דער הויכער טויער". ערשט אין די באריכטען פון דער היסטאָרישער צייט ווערען די מלכים פון עגיפּטען אָנגערופען מיט די נעמען, ווי א שטייגער שישק, תרהקה, נכו.

עס איז דערפאר קיין חידוש ניט וואָס עס האָבען זיך געפונען א סך פאָרשער, וועלכע האלטען, אז די געשיכטע פון יציאת מצרים האָט לגמרי קיין היסטאָרישען יסוד ניט און אז די געשיכטע פון אידישען פאָלק הייבט זיך אָן, ווי די געשיכטע פון אלע אנדערע סעמיטישע פעלקער, מיט אן ארייננוואנדערונג פון נאָמאדישע שבטים פון מדבר אין דעם פרוכטבארען ישוב־לאנד.

די פאָרשער שטעלען ארויס אלס ארגומענט דאָס וואָס דער פאקט פון יציאת מצרים ווערט ניט דערמאָנט אין קיינער פון די אנטדעקטע עגיפּטישע אויפשריפטען. דער דאָזיגער ארגומענט איז אָבער זעהר א שוואכער. וואָרים, ערשטענס, אויב מ'האָט ביז יעצט אפילו נאָך ניט אנטדעקט קיין אויפשריפט וועגען דעם, קאָן מען עס נאָך שפּעטער אנטדעקען. צווייטענס, האָבען די הויף־שרייבער פון עגיפּטען געקוקט אויף דער זאך מיט גאנץ אנדערע אויגען איידער די אידען. פאר די אידען איז יציאת מצרים געווען די ערשטע גרויסע פעריאָדע פון זייער פאר־היסטאָרישער

צײַט, די פּעריאָדע ווען זײער רעליגיאָן איז געגרינדעט געוואָרען און זײ זענען געוואָרען אַ פֿאָלק. זײער פֿאַנטאַזיע האָט דעריבער אויסגעמאָלען די ערינערונגען אָן יענער צײַט מיט אַזעלכע לעגענדאַרישע וואונדער־פּאַר־בען. פֿאַרקערט אָבער, בײַ די עגיפּטער איז דאָס געווען אַן אומבאַדײַטענדע עפּיזאָדע, וואָס פֿאַרדינט גאָרניט דערמאָנט צו ווערען: עפּעס אַ גרופּע פּאַסטוכער־שבֿטים פֿון אַזיען האָט פֿאַרלאָזען דאָס לאַנד און האָט אַרומ־געוואַנדערט אין מדבר.

פֿון די עגיפּטישע אויפֿשריפֿטען קאָן מען בכן ניט אַרויסדרינגען קײן זאַך, ניט פֿאַר, ניט געגען דעם פֿאַקט פֿון יציאת מצרים. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער איז די באַפֿרײַאונג פֿון דער קנעכטשאַפֿט פֿון מצרים דער יסוד פֿון דער גאַנצער אידישער טראַדיציע וועגען דער געבורט פֿון דער אידישער נאַציאָן. אויך בײַ די נבֿיאים איז דאָס אַ פֿונדאַמענט פֿון זײער באַוואוסטזײַן. עס איז בכן אוממעגליך אָנצונעבען אַ גרונט פֿאַרוואָס די פּאָעטישע פֿאַנ־טאַזיע פֿון אידישען פֿאָלק זאָל האָבען אויסגעטראַכט אויף זיך אַזאַ שאַנד־פֿלעק ווי שקלאַפֿערײַ.

ווען מיר ווילען אַרויסנעמען דעם היסטאָרישען תּמצית פֿון דער לע־גענדע, מוזען מיר נאַטירליך אַרויסשנײַדען אַלע לעגענדאַרישע שילדערונ־גען, וועלכע די פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק האָט אַרומגעשפּונען אַרום די היסטאָ־רישע פֿאַקטען. מיר קאָנען נעמען אין באַטראַכט נאָר די הויפּט־שטריכען, וועלכע זענען אין אײַנקלאַנג מיט די פּאָליטישע צושטענדען פֿון עגיפּטען. מיר קריגען דאַן דאָס פֿאָלגענדע בילד פֿון דער עפּיזאָדע פֿון יציאת מצרים:

אַמאָל, אין אַ צײַט ווען עס האָט געהערשט אַ הונגער אין דער געגענד וואו זײ האָבען זיך לכתּחילה אויפֿגעהאַלטען, האָבען סעמיטישע נאָמאַדען, פֿון דער גרופּע פֿון די עבֿרים־שבֿטים, אַרײַנגעוואַנדערט אין דעם פֿרוכטבאַרען טאָל פֿון דעם ניל, כּדי דאָרטען צו פּאַשען פֿאַראַיבערגע־העגד זײערע סטאַדעס. אײנער פֿון די דאָזיגע שבֿטים האָט געקראָגען אַן ערלויבעניש זיך אויפֿצוהאַלטען אַ לענגערע צײַט און האָט זיך באַזעצט אין דעם דיסטריקט גשן פֿון דער דעלטאַ. די ערלויבעניש האָט דער שבֿט גע־קראָגען, מחמת אײנער פֿון זײַנע לײַט, ווי אַ סך סעמיטישע און אויס־לענדישע באַאַמטע דעמאָלט, האָט פֿאַרנומען אַ הויכע שטעלע אין הויף. אין משך פֿון דער צײַט האָט זיך געענדערט די פּאָליטישע לאַגע פֿון עגיפּטען, אַזוי אַז די עקזיסטענץ פֿון אַ פֿרעמדער, סעמיטישער באַפֿעלקערונג

איז געוואָרען א סכנה פאר דאָס לאנד. די עגיפּטישע רעגירונג האָט געזוכט זיך צו שיצען און האָט געשטעלט דעם שבט, וועלכער איז אונטערדעסען שטארק אויסגעוואקסען, אונטער א שטרענגער השגחה. סוף כל סוף האָט דער שבט, אונטער משה'ס פיהרערשאפט, ארויסגעקראָגען פון פרעה'ן די ערלויבניש ארויסצוציהען פון לאנד.

מ'דארף, הייסט עס, אָננעמען אלס היסטאָריש צוויי פונקטען פון דער טראדיציע: אז די אידען האָבען זיך אויפגעהאלטען אין דעם לאנד גשן און אז זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון לאנד אונטער משה'ס פיהרערשאפט. גשן איז באקאנט פון די עגיפּטישע אויפשריפטען אלס א געגענד רייך אין פאשע אין דער ניל־דעלטא. ווען די אידען וואלטען אין א וועלכער ניט איז צייט פון זייער געשיכטע געהאט פרעטענזיעס אויף דער געגענד, וואָלט מען גע־קאנט האָבען א חשד אויף דער דאָזיגער טראדיציע און זי וואָלט דעריבער קיין היסטאָרישען ווערט ניט געהאט פאר אונז. אזוי אָבער ווי דאָס איז קיינמאָל ניט געווען דער פאל, מוז מען אָננעמען אָט דעם שטריך פון דער לעגענדע פאר היסטאָריש.

פונקט אזוי, ווי מיר האָבען שוין פריהער באמערקט, דארף מען אויך אָננעמען פאר היסטאָריש משה'ס פיהרערשאפט. ווארים די אלטע מעשיות פון חומש זוכען אומעטום פארצושטעלען און צו באטאָנען די מאכט און די גרויסקייט פון יהוה און זיין פאָלק ישראל. עס פאסט זיך דעריבער זעהר שלעכט צו אָט דער טענדענץ, אז משה, דער גרינדער פון דער רעליגיאָן פון יהוה, איז דערצויגען געוואָרען אלס עגיפּטער. נאָך שטארקער ווערט דער דאָזיגער ארגומענט ווען מ'נעמט אין באטראכט, אז דער נאָמען גופא, משה, איז העכסט ווארשיינליך אן עגיפּטישער.*) משה'ס ראָלע אין דער לעגענדע

*) די דערקלערונג אין שמות, ב. 10, איז ניט מעהר ווי א וואָרט־שפּיל, ווארים אין דעם פאַל האָט ער דאָך באדארפט הייסען „משוי", דער ארויסגעצוי־גענער, ניט „משה", דער ארויסציהער. משה איז עגיפּטיש באדייט „זוהן" און ער קומט פאָר אין אזעלכע עגיפּטישע נעמען ווי למשל טהאָטמאָסעס — דער זוהן פון גאָט טהאָט.

פון יציאת מצרים האָט דערפאַר אונמעגליך געקאָנט אויסגעטראַכט ווערען שפעטער, נאָר אדרבה: זי איז געשטאַנען פעסט פון די עלטסטע צייטען אָן, אזוי אז די לעגענדע האָט איבער געוואָלד זי געמוזט דערהאַלטען.

דאָס זיינען בערך די אינערליכע ארגומענטען פון די לעגענדען גופא פון חומש פאַרוואָס מיר מוזען לויט דעם קריטישען שכל ארויסנעמען פון זיי דעם אויבען געגעבענעם היסטאָרישען תמצית. דאָס ווערט נאָך אָבער געשטיצט פון דער קענטעניש וואָס מיר האָבען היינט פון דער אַלטער גע־שיכטע פון עגיפטען. מיר ווייסען פון א סך פאַלען, באווייזען פון די אויפ־שריפטען, ווי סעמיטישע נאָמאדען, געטריבען פון הונגער, זוכען אז מ׳זאָל זיי אריינלאָזען אין עגיפטען. מיר ווייסען אויך, אז אין דער נייער אימפעריע (בערך פון 16־טען ביז דעם 11־טען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער ערא) האָבען אויסלענדער ניט זעלטען זיך באזעצט אין עגיפטען און דאָרטען אפילו געהאט זייערע אייגענע קווארטאַלען. עס איז אויך א באקאנטער פאקט, אז אין דעם קאסמאָפאָליטישען שטאַט פון דער נייער אימפעריע זיינען אויסלענדער צוגעקומען צו די העכסטע שטעלען אין דער מלוכה.

אונזער קענטעניש פון עגיפטישער געשיכטע אונטערשטיצט בכן די הנחה, אז די לעגענדע פון יציאת מצרים איז באגרינדעט אויף א פאקט. וואָס אונז בלייבט איצט צו טאָן, איז פעסטצושטעלען די צייט ווען בערך דאָס האָט געקאָנט פאַרקומען. מיר מוזען פאר אָט דעם צוועק א בליק טאָן קודם כל אויף דעם כראָנאָלאָגישען טאַוועל פון דער עגיפטישער געשיכטע אין 2טען יאָהרטויזענד פאר דער קריסטליכער ערא.

ארום יאָהר 1570—1700 (פאר דער קריסטליכער ערא).

די הערשאַפט פון דער סעמיטישער היקסאָס־דינאסטיע אין עגיפטען.

ארום 15טען יאָהרהונדערט.

סיריען און פאַלעסטינא ווערען אונטערוואָרפען אונטער עגיפטען. פאר־שפרייטונג פון סעמיטישער קולטור אין עגיפטען. פיעל הויכע באאמטע זענען סעמיטען.

ארום 14־טען יאָהרהונדערט.

רעליגיעזע רעפאָרם פון דעם אפיקורס־פרעה אמענהעטעפ דעם פערטען. אמארנא־צייט. אריינוואַנדערונג פון די האבירי אין פאַלעסטינא. מלוכה פון די חתים אין סיריען.

אין דער ערשטער העלפט פון 13־טען יאָהרהונדערט.

נאָך לאנגע מלחמות מיט די חתים שליסט רעמסס דער צווייטער פרידען מיט זיי. דרום־פאלעסטינא בלייבט אונטער עגיפטען און צפון־פאלעסטינא אונטער די חתים.

ארום מיטען 13טען יאָרהונדערט

אונטער מערענפטאה, דעם נאָכפאָלגער פון רעמסס דעם צווייטען: אָנפאַל פון די ים־פעלקער אויף דער ניל־דעלטא. אויפשטאנד פון די דרום־פאלעסטינישע שטאָדט־פירשטען.

ארום יאָהר 1200

שנעלע ירידה און צוזאמענפאַל פון דער עגיפטישער הערשאפט. עגיפּטען פארלירט פאקטיש איהר פּאָליטישען איינפלוס אויף פאלעסטינא.

אין דער געשיכטע פון יציאת מצרים האָבען מיר דריי עפּיזאָדען: די אריינוואנדערונג, די אונטערדריקונג און די ארויסוואנדערונג. מיר מוזען בכן אויסזוכען אויף אונזער כראָנאָלאָגישען טאָוועל די פאסענדע מאָמענטען פאר די דאָזיגע דריי עפּיזאָדען.

אריינוואנדערען אין עגיפּטען האָבען די אידישע שבטים געקאָנט שוין אין דער צייט פון דער אריינוואנדערונג פון די היקסאָס*). ווארשיינליכער איז אָבער, אז דאָס איז פאָרגעקומען מיט א הונדערט יאָהר שפּעטער, ווען די נייע עגיפּטישע אימפּעריע איז געווען אויפ'ן שפּיץ פון איר מאכט. עגיפּטען איז דאן שטארק סעמיטיזירט געוואָרען און א סעמיטישער שבט פון פאסטוכער האָט געקאָנט לעבען רוהיג אין גשן. אין דער אמאַרנא־צייט האָט דער שבט געקאָנט ווייטער בלייבען אין גשן אומגעשטערט, וואָרים אמענהעטעפּ דער פערטער איז געווען פארטאָן מיט זיין רעליגיעזער רעפאָרם און האָט זיך אין פּאָליטישע ענינים ניט געמישט. די אונטערדריקונג, האָבען די מערסטע פאָרשער שוין פון לאנג אָנגענומען, איז פאָרגעקומען אונטער רעמסס דעם צווייטען. פאר רעמסס'ן אין זיינע מלחמות מיט די חתים, האָט דער אידישער שבט אין גשן געמעגט ווערען אן אומבאקוועמע זאך.

*) ביי דער דאָזיגער מיינונג האלט זיך יוסף פלאוויוס אין זיין בוך אַנטי־אַפּיאָן.

דער דאָזיגער פּרעה האָט געלאָזט בויען בנינים אהן א צאָל, צווישען זיי די שטעדט „פּתם" און „רעמסס". די חורבות פון פּתם (פּעטאָם, „הויז פון גאָט אטאָם") האָט דער פראנצויזישער עגיפּטאָלאָג נאוויל אויסגעגראָבען אין יאָהר 1883 און דערביי האָט דער ענגלישער עגיפּטאָלאָג פּעטריע אויסגעגראָבען די צווייטע שטאָדט פּער־רעמסס, „דאָס הויז פון רעמסס". אויפ'ן טעמפּעל פון אָט דער שטאָט שטעהט רעמסס אָפּגעמאָלט ווי ער האלט אין דער'הרג'ענען א סיריער. דאָס שטימט מיט דער טראדיציע פון חומש, אז די בני ישראל זענען אונטערדריקט געוואָרען פון דעם פּרעה, וועלכער האָט געבויט פּתם און רעמסס (שמות א 11). פאר דער ארויסוואנדערונג פון מצרים איז לויט דעם דער פּאסענדסטער מאָמענט געווען די אומרוהיגע צייט פון מערענפּטאה.

די געשיכטע פון יציאת מצרים האָט אויף דעם אופן זיך געלאָזט גאנץ באקוועם אריינפּאסען אין דעם ראהם פון דער עגיפּטישער געשיכטע. האָט אָבער פּעטריע אין יאָר 1896 אנטדעקט אן אויפשריפט פון מערענפּטאה, וואו דער דאָזיגער פּרעה דערצעהלט פון זיינע גרויסע נצחונות איבער די פירשטען פון פּאלעסטינא, וועלכע האָבען זיך צעבונטעוועט געגען אים. צווישען אנדערעס שטעהט דאָרטען: „ישראל איז פּארוויסט, איהר זאָמען איז ניטאָ, פּאלעסטינא איז געוואָרען אן אלמנה דורך עגיפּטען". דאָס איז די עלטסטע אויפשריפט פון א פרעמדען פאָלק וואו ישראל ווערט דערמאָנט. מיר לערנען דערפון ארויס, אז אין דער צייט פון מערענפּטאה איז שוין געזעסען אין דרום־פּאלעסטינא א שבט אָדער א גרופּע שבטים מיט'ן נאָמען ישראל און אז דער דאָזינער ישראל האָט גענומען אן אנטייל אין דעם אויפשטאנד געגען עגיפּטען.

צוליב מערענפּטאה'ס אויפשריפט האָבען מאנכע פאָרשער געוואָלט אדויסרוקען אויף צוריק די פאָרגעשיכטע פון אידישען פאָלק. זיי האָבען אָנגענומען, אז די אידען זיינען געקומען אין מצרים אין דער צייט פון די היקסאָס, זיינען אונטערדריקט געוואָרען פון טהוטמאס דעם דריטען און האָבען ארויסגעוואנדערט אין דער אומרוהיגער צייט פון אמענהעטעפּ דעם פערטען, אזוי אז אין מערענפּטאה'ס צייט זיינען זיי שוין געווען אין פּאלעסטינא און האָבען שוין געקאָנט אן אנטייל נעמען אין דעם אויפשטאנד פון די כנעני'שע פירשטען געגען פּרעה'ן. די מערסטע פאָרשער אָבער זענען געבליבען ביי דער אלטער כראָנאָלאָגיע. יציאת מצרים, זאָגען זיי, איז טאקע פאָרגעקומען, ווי מ'האָט פריהער אָנגענומען, אין מערענפּטאה'ס

צייט. אָבער ניט אַלע אידישע שבטים זענען געווען אין מצרים. מאנכע שבטים זענען שוין לאנג פון פריהר געזעסען אין פּאַלעסטינא, קומענדיג פּילייכט צוזאמען מיט די האבירי אין דער אמארנא־צייט. אָט די פּאַלע־סטינא־שבטים האָבען עס געקעמפּט געגען מערענפּטאה. שפּעטער האָבען די גשן־שבטים זיך פאראייניגט מיט די פּאַלעסטינא־שבטים אין איין פּאָלק ישראל. דאָס שטימט מיט דער טראַדיציע פון חומש בראשית, לויט וועלכער די אידישע שבטים זענען געווען צעטיילט לויט צוויי פּאָטער־נעמען (יעקב־ישראל) און לויט צוויי מוטער־נעמען (לאה־רחל).

ביבליאָגראַפיע:

די גרויסע אידישע געשיכטע, באנד 1, ז. 152—170.

פאַר אַ גרינטליכערען שטודיום:

W. Spiegelberg, Der Aufenthalt Israel's in Aegypten im Lichte der Aegyptischen Monumente, 1914.

אָנרעגונגען צום שטודיום:

1) פאַרגלייך די לעגענדען פון יציאת מצרים מיט אזא היסטאָרישען באריכט וועגען מצרים ווי, למשל, מלכים א, י"ד 25—28.

2) זעה אין דעם בוך פון Ball, Light from the East. אויף זייט 74, דאָס בילד פון דער קאראוואַנע אזיאַטען, וועלכע קומט קיין עגיפּטען.

פעהלער־פאַרבעסערונגען:

אין די ערשטע צוויי לעקציעס פון אונזער קורס זיינען צום באדויערען אריינגעפאלען איינינע גרייזען.

ז. 2, ערשטע שורה, דאַרף שטעהן בראשית קאפ. י. דערזועלבינער גרייז איז איבערגע׳חזר׳ט אויף ז. 7, שורה 9.

ז. 4. דער אונטערשטער פאַראגראף דאַרף זיך אָנהייבען: „בערך אין זיבען הונדערט יאָהר ארום (אין 17טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטלי־כער ערא) איז פאָרגעקומען אן אנדער סעמיטישע פעלקער־וואַנדערונג“.

ז. 5. די 12טע שורה דאַרף זיך לעזען: „אלס מיטגלידער פון דער אַראַמעאישער פעלקער־משפחה“.

ז. 9. פון שורה 30 אָן דאַרף זיך לעזען: „נאָך א ביישפיל וואו א שטיק ערד זאָל ליגען טיפער ווי 300 פוס נידעריגער פאַר׳ן שפיגעל פון ים; דער ירדן־טאָל אבער, דאָרטען וואו דער ירדן פאַלט אריין אין ים־המלח, איז 1278 פוס אונטער׳ן שפיגעל פון ים“.

ז. 10, שורה 17, דאַרף זיך לעזען: „יזרעאל ביז בית־אל טראָגט די בערג־קייט דעם נאָמען „הר אפרים“. פון בית־אל ביז חברון טראָגט די בערג־קייט דעם נאָמען „הרי יהודה“.

די סטודענטען פון אונזער קורס זיינען געבעטען אויפשרייבען די אלע קאָרעקטורען אויפ׳ן ראַנד פון ערשטען ביכעל.

קאָרעספּאָנדענץ־קורס,
אידיש־נאַציאָנאַלער ארבייטער
פאַרבאַנד

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער צושפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה

פון

חיים שויס

פינפטע לעקציע.

דער מדבר און די אַנשטעהונג פון דער אידישער רעליגיאָן

די מעהרסטע מעשיות וועגען דעם אידישען לעבען אין מדבר געהערען צו דער פּריסטער־שריפט. עס הייסט: צו יענע שטיקער חומש, וועלכע זענען געשריבען געוואָרען פון כהנים נאָכ׳ן ערשטען חורבן פון ירושלים. די דאָזיגע מעשיות שטעלען פאַר די אידען אין מדבר אלס א הייליגע געמיינדע, איינגעטיילט אין כהנים, לויים און ישראלים. בראש פון זיי שטעהען א נביא און א כהן גדול, משה און אהרן. אין מיטען לאַגער געפינט זיך א משכן, א גרויסער, פּראַכטיגער טעמפּעל וואָס ווערט פון די לויים געטראָגען אויף די פּלייצעס פון סטאַנציע צו סטאַנציע. און דער גאַנצער אינטערעס פון די אידישע שבטים איז קאָנצענטרירט בלויז אויף דער רעליגיעזער צערעמאָניע אין דעם טראָגבאַרען בית המקדש.

דער דאָזיגער קוק אויף דער מדבר־צייט איז אויפגעקומען נאָכ׳ן אונטערגאַנג פון דער מלוכה און קאָן נאָר פאַרשטאַנען ווערען פון די אומשטענדען פון יענער צייט. דאָס וואָס מ׳האָט דעמאָלט געזעהן אָדער לכל הפּחות געוואָלט זעהן אין דער געגענוואַרט, האָט מען איבערגעטראָגען אין דער אורגראָהער פאַרגאַנגענהייט.

באמת זיינען די אידען אין דעם מדבר געוועזן ניט קיין הייליגע געמיינדע, נאָר נאָמאַדישע שבטים, און זיי האָבען געפיהרט אזא לעבען ווי אַלע אנדערע נאָמאַדען אין דער סטעפּע.

סיני־חורב און קדש.

אלע מעשיות וועגן מדבר קענען איינגעטיילט ווערען אין צוויי גרוי־פעס אדער קרייזען: איין לעגענדען־קרייז האט אלס סצענע א הייליגען בארג, וואס ווערט באצייכענט אלס גאט'ס בארג (הר האלהים) און טראגט אין דער טראדיציע צוויי נעמען, לויט איין נוסח סיני, לויט דעם אנדערען חורב. די סצענע פון דעם אנדערען לעגענדען־קרייז איז א הייליגע אאזיס מיט א קוואל אין מדבר מיט'ן נאמען קדש. דער בארג סיני איז געלעגען, ווי עס איז בפירוש צו זעהן פון א סך שטעלען אין תנ"ך, אין דרום־זייט פון ארץ ישראל גיט ווייט פון אדום (דברים ל"ג 2; שופטים ה 4). קדש אדער קדש־ברנע ווערט היינט אידענטיפיצירט מיט דער אאזיס אאין קאדעש, וואס ליגט 50 מייל אין דרום־זייט פון באר־שבע. דערביי געפינען זיך נאך צוויי אנדערע קוואלען, וועלכע קענען אידענטיפיצירט ווערען מיט „מי־מריבה" (במדבר כ 13; דברים ל"ג 8) און „מרה" (שמות ט"ו 23). די גאנצע געגענד ליגט היינט אין די הענט פון קריגערישע בעדואינער, וועלכע לאזען אהין ניט צו קיין פרעמדע. אן אמעריקאנער רייזענדער פון פילאדעלפיא, Clay Trumbull האט אין יאהר 1881 באזוכט דעם פלאץ און איהם באשריבען אין א בוך.*) לויט זיין באשרייבונג איז דער ארט געווען זעהר מסוגל אלס צענטער פאר א גרופע נאמאדישע משפחות אין מדבר.

די אידען האבען ניט ארומגעוואנדערט פון ארט צו ארט, ווי די שפע־טערע טראדיציע שטעלט פאר, נאר זיינען קענטיג געגאנגען פון מצרים די־רעקט קיין קדש. אזוי שטעהט עס בפירוש אין שופטים (קאפ. י"א 16). מיט קדש זיינען אויך פארבונדען די פיעלע געשיכטען וועגן וואסער און עסען, די וויכטיגסטע פראגע אין דער וויסטעניש. אויך די מלחמה מיט עמלק'ן קומט פאר ביי קדש. די עמלקים זיינען געווען א בעדואינער־שבט צווישען קדש און באר־שבע. עס קאן זיין, אז לבתחילה האט קדש געהערט צו זיי, נאר די אידישע שבטים האבען עס אוועקגענומען פון זיי אין א מלחמה, וועגן וועלכער עס איז געבליבען א לעגענדע אין חומש (שמות י"ז 8—16; פארגלייך במדבר י"ג 29).

די סיני־מעשיות און די קדש־מעשיות זיינען זיך באמת סותר. ווארים לויט די סיני־מעשיות געהען די אידען פון מצרים דירעקט צום בארג סיני, בעת לויט די קדש־מעשיות, ווי מיר האבען געזעהן, געהען זיי דירעקט קיין קדש. א סך זאכען וואס זיינען פארגעקומען אין קדש זיינען שפעטער ארי־בערגעטראגען געווארען ביים בארג סיני. עס קאן אבער גרייליך זיין, אז

*Kadesh-Barnea, Clay Trumbull New York, 1884.

אזוי ווי דער באַרג סיני און קדש זיינען געלעגען זעהר נאָהענט איינע ביי די אַנדערע האָבען די אידישע שבטים זיך פריהער אָפּגעשטעלט ביים סיני איידער זיי זיינען געקומען אין קדש.

קדש איז געווען אַן אוראַלטער הייליגער אָרט. דאָס זאָגט אונז שוין דער נאָמען אַליין (קדש־הייליג). דאָרטען האָבען זיך געפונען אַ הייליגער קוואַל און אַ מזבח, וועלכע די אידישע טראַדיציע האָט פאַרבונדען מיט משה׳ן. משה, דערצעהלט די לעגענדע, האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם פעלז מיט זיין וואונדערשטעקען, איז אַרויסגעקומען דאָס וואַסער (שמות י״ז). אויך דעם מזבח פון קדש, וועלכער האָט געהייסען, „יהוה נסי״, „יהוה איז מיין פאָהן״, האָט, לויט דער לעגענדע, משה געבויט. און אַ גאַנצען טאָג פלעגט ער זיצען ביים הייליגען קוואַל און משפּט׳ען דאָס פאָלק, וואָס פלעגט קומען צו איהם „פרעגען גאָט״ („לדרש אלהים״, שמות י״ח 15), עס הייסט: קריגען אַן אָראַקעל פון גאָט, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די אַלטע פעלקער. קדש האָט דעריבער אויך געהייסען „עין משפּט״, דער קוואַל פון משפּט (בראשית י״ד 7), ווייל אַהין פלעגען קומען אַלע שטרייטענדע צדדים צו קריגען אַ ריכטיגען משפּט ביים כהן אין הייליגטום.

משה אַ היסטאָרישע פּערזאָן.

עס איז געווען אַ צייט, ביים ענד פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען פאָרשער האָבען אין גאַנצען געוואָלט לייקענען, אַז משה איז אַ היסטאָרישע פּערזאָן. זיי האָבען איהם געוואָלט דערקלערען אַלס אַ מיטאָלאָגישע פיגור. היינט אָבער האָבען די פאָרשער אויפגעגעבען אָט די פּאָזיציע. קיין ערנ־סטער פאָרשער לייקענט ניט משה׳ס היסטאָרישע עקזיסטענץ. וואָרים אָהן משה׳ן איז די גאַנצע שפּעטערדיגע אידישע געשיכטע אומדערקלערליך. ווען די אידען וואָלטען אַריינגעקומען אין ארץ ישראל פון מדבר ווי אַלע סעמי־טישע נאָמאַדען אָהן אַ טראַדיציע פון דער מדבר־צייט, וואָלטען זיי דאָן גע־מוזט אסימילירט ווערען פון די עלטערע, ציוויליזירטע איינוואוינער פון לאַנד, די כנענים. אַנשטאָט אָבער וואָס די אידען זאָלען אסימילירט ווערען דורך די כנענים, זיינען נאָר אומגעקערט די כנענים אַסימילירט געוואָרען דורך די אידען. מיר זיינען געצוואונגען אָנצונעמען, אַז די אידען זיינען צוזאַמענגעהאַלטען געוואָרען דורך דער טראַדיציע פון דער מדבר־צייט, און אָט די טראַדיציע האָט געמוזט האָבען אַ געוויסע פּערזענליכקייט הינטער זיך. אויב ניט משה, מוזען מיר דאָן אָננעמען אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ.

משה דער גרינדער פון דער אידישער רעליגיאָן.

אין דער אידישער טראַדיציע איז משה׳ס נאָמען פאַרבונדען מיט „מתן תורה״. משה, הייסט עס, האָט געגעבען די אידען די תורה אויפ׳ן באַרג

סיני. באמת אָבער איז די תורה, עם הייסט די אַלע פאַרשידענע געזעצן וואָס מיר געפינען אין חומש, א פּראָדוקט פון די אומשטענדען פון שפּע־טערדיגען אידישען לעבען אין ארץ ישראל. עס זיינען פאראן מערערע גע־זעצביכער אין חומש, וועלכע שפּיגלען אָפּ פאַרשידענע תקופות פון אידישען היסטאָרישען לעבען. אָט די אַלע געזעצן זיינען שפּעטער צוגעשריבען געוואָרען משה'ן. אָבער משה'ס אמת'ע באַדייטונג אין דער אידישער גע־שיכטע איז ניט געווען אלס געזעצגעבער, כאָטש מיר קענען ניט זאָגען אויף זיכער, אז עס געפינען זיך ניט אין חומש מאַנכע זאַכען, וועלכע מעגען שטאַמען פון איהם. משה'ס ראָלע איז געווען אלס גרינדער פון דער אידי־שער רעליגיאָן, אלס דער וואָס האָט געבראַכט צו די אידען זייער גאָט יהוה. אַזוי אָבער ווי לויט דער שפּעטערדיגער אידישער טראַדיציע האָבען די אבות שוין געדינט צום זעלביגען גאָט, איז פאַר משה'ן בלויז געבליבען צו געבען די תורה.

יהוה, דער גאָט פון ישראל.

דער אידישער גאָט האָט אין תנ"ך א נאָמען, יהוה. וויבאַלד אז גאָט האָט אַן אייגען־נאָמען, איז עס א פאַרבאַדינג, אז עס זיינען פאַראן נאָך אַנ־דערע געטער אויסער איהם. וואָלטען די אידען אין דער אַלטער צייט שוין געהאַט די הויכע השגה, אז עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין מער ווי איין גאָט אויף דער וועלט, דאַן וואָלט גאָט געקאָנט באַצייכענט ווערען מיט'ן כלל־נאָמען „גאָט", אָבער קיין פּרט־נאָמען וואָלט ער ניט געקאָנט טראָגען. די ווערטער, למשל, וואָס די לעגענדע טוט אריין יעקב'ן אין מויל: „און יהוה וועט זיין מיין גאָט" (בראשית כ"ח 21), האָבען בלויז א זין, אויב עס זיינען געווען נאָך אַנדערע געטער אחוץ יהוה. שפּעטער אָבער אין דער מאָנאָטעאיסטישער צייט, ווען די אידען זיינען געקומען צום הויכען געדאַנק פון „אחדות הבורא", האָט דער נאָמען יהוה, דער „שם המפורש", פאַרלאָ־רען זיין אורשפּרינגליכע באַדייטונג און איז געוואָרען א רעליגיעזער מיסטעריום.

עס זיינען געווען בכן אין יענער צייט א סך געטער. עס איז נאָך דאַן ניט געווען אזא זאַך ווי אַן איין איינציגער אמת'ער גאָט און אַלע אַנדערע פאַלשע געטער, געצען. נאָר יעדעס פאָלק, יעדעס לאַנד, יעדע שטאָדט, יעדער צענטער פון ציוויליזאַציע האָט געהאַט אַן אייגענעם גאָט, אַן אומזיכטבאַרען הערשער און באַשיצער. די אידען האָבען געהאַט זייער גאָט, וועלכער האָט געהייסען „יהוה, דער גאָט פון ישראל".

די אידען האָבען געהאט בלויז דעם עבר־הירדן, דעם דרום־טייל פון ירדן־טאָל און דעם בארג אפרים. דער גאנצער ים־ברעג האָט געהערט צו די פעניקיער און די פלשתים. דער עמק יזרעאל איז געווען ביי די כנענים אין די הענט. דאָרטען האָבען זיך געפונען די כנעני'שע שטעדט ת ע נ ך, מ ג י ד ו, ב י ת ־ ש א ן און נאָך אנדערע (שופטים א 27). די אידען האָבען מעהרסטענס געוואוינט אויף די רוקענס פון די בערג. אין די טאָלען האָבען זיי ניט געקאָנט אריינדרינגען, ווייל די כנענים האָבען דאָרטען געהאט אייזערנע רייטוועגען, געגען וועלכע די נאָר וואָס פון מדבר גע־קומענע אידען מיט זייערע פרימיטיווע כלי־זין זיינען ניט געווען בכוח צו קעמפען. פון די שטעדט זיינען געווען אידישע בלויז י ר י ח ו, ע י, ח ב ר ו ן, ב י ת ־ א ל. אין ש כ ם איז די באפעלקערונג געווען א געמישטע פון אידען מיט כנענים צוזאמען.

דאָס הויז פון יוסף אויפ'ן בארג אפרים איז בכן געווען אָפּגעשניטען פון די צפון־שבטים (זבולן, יששכר, נפתלי, אשר) דורך דעם טאָל יזרעאל, וועלכער איז באהערשט געווען פון די כנענים. נאָך מעהר איז דאָס הויז פון יוסף געווען אָפּגעשניטען פון די דרום־שבטים: יהודה און שמעון. ווייל צווישען זיי איז געווען א מחיצה, א רייה פון כנעני'שע שטעדט: ש ע ל ב י ם, א י ל ו ן, ה ר ־ ח ר ס (ב י ת ־ ש מ ש), ג ז ר, ג ב ע ו ן. דער צענטער פון אָט די כנעני'שע שטעדט איז געווען י ב ו ס (י ר ו ש ל י ם).

יהודה איז דערפאר געווען ווי פארלאָרען פאר דער נעכסטער צייט פון דער אידישער געשיכטע. אויף יענער צייט, ווייזט אויס, זאָגט עס דער פסוק „און עס איז געווען אין יענער צייט איז יהודה אוועקגעגאנגען פון זיינע ברידער“ (בראשית ל"ח 1).

די אידען, איז דערפון צו זעהן, האָבען געהאט דאן אריינגעשטעלט א פעסטען פוס אין ארץ ישראל, אָדער עס איז זיי נאָך פארגעשטאנען א לאנגער און ביטערער קאמף ביז זיי זיינען געוואָרען די פולשטענדיגע באלעבאטים פון דעם לאנד. דאָ און דאָרטען פלעגען זיי אָפט באפאלען ווערען פון די נאָמאדישע און די באזעצטע פעלקערשאפטען ארום, און זיי פלעגען מוזען קעמפען שווער צוריקצושטויסען זייערע פיינד. פיעל מאָל זיינען אויך די אידען געווען דער אנגרייפענדער צד און זיי האָבען אטא־קירט זייערע שכנים כדי ארייצודרינגען אין נייע געגענדען. אין די דאָזיגע מלחמות זיינען די אידען ניט געווען פאראייניגט אונטער איין פיהרער,

ווי שפעטער אין דער צייט פון דער מלוכה, נאָר יעדער שבט, אָדער יעדע שבטים־גרופּע, האָט געקעמפט באַזונדער פאַר זיך אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם הויפּטלינג פון שבט.

דער באַפרייאונגס־קריג אונטער ברק און דבורה.

פון אַלע מלחמות פון יענער פאַר־קעניגליכער צייט האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלע באַדייטונג בלויז די מלחמה פון די אידען, אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון ברק און דבורה, געגען די כנענים. וועגען דער דאָזיגער וויכטיגער געשעהעניש זיינען אונז געבליבען אין ספר שופטים צוויי באַריכטען: איינער אין פּראָזא (קאַפּ. ד) און איינער אין פּאָעזיע (דבורה'ס געזאַנג, קאַפּ. ה). די ביידע באַריכטען שטימען ניט אין געוויסע ניט וויכטיגע פּרטים. עס פאַרשטעהט זיך אָבער, אַז דער פּאָעטישער באַריכט איז דער עלטערער און זיכערער. ער איז איינער פון די עלטסטע דאָקומענטען וואָס זיינען אונז געבליבען פון דער אורגראָהער צייט פון דער אידישער געשיכטע און ער איז אויך איינער פון די בעסטע פּאָעמען פון דער אַלטער העברעאישער פּאָעזיע.

אַ סך כנעני'שע פירשטען פון די שטעדט אין טאָל יזרעאל האָבען דעמאָלט זיך פאַראייניגט אין אַ בונד אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ כנעני'שען קעניג מיט'ן נאָמען סיסראַ*), און האָבען געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג צו צעשלאָגען און אונטעריאָכען די אַריינדרינגענדע אידען.

אַ לאַנגע צייט האָבען די אידישע שבטים אין צפון־און אין דרום־זייט פון טאָל יזרעאל געליטען אונטער דעם דרוק פון די כנענים. די אידישע פּויערים זיינען שוין געווען אַזוי אָפּהענגיג, אַז זיי האָבען מעהר גאָר קיין מוט ניט געהאַט זיך צו שטעלען אנטקעגען די כנענים. אין דעם דאָזיגען קריזיס זיינען אויפגעטראָטען אַ העלד, ברק, און אַ גאָט־זעהערין, דבורה, און האָבען געוועקט דאָס פאָלק צום קאַמף. זעקס פון די שבטים (אפרים, בנימין, מכיר, זבולון, יששכר, נפתלי) האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַרום ברק און דבורה. אין טאָל, ביים טייך קישון, איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענשטויס צווישען דעם אידישען און דעם כנעני'שען חיל. די כנענים זיינען אין גאַנצען צעשלאָגען געוואָרען און האָבען פון דאַן אָן אויפגעגעבען יעדע האָפענונג צו

---

*) זעה אין דער גרויסער אידישער געשיכטע, באַנד 1, (צוזאַמענגעשטעלט פון ח. שוים) אויף זייט 261, די צווייטע באַמערקונג אונטען.

די רעליגיאָן פון יהוה אין דער עלטסטער צייט.

וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט געהאַט די רעליגיאָן, וואָס משה האָט געגעבען צו די אידען?

לויט דער טראַדיציע האָט משה שוין אין מדבר פּראָקלאַמירט אַן איין איינציגען וועלט־גאָט מיט הויכע מאָראַלישע פאָדערונגען צו די מענשען, וועלכע דינען איהם. באמת אָבער זעהען מיר, אַז די אידישע פיהרער נאָך משה'ן, די שופטים און די מלכים, זיינען גאַנץ ווייט פון אַ גלויבען אין אַן איינאיינציגען גאָט פון ליבע און יושר. יהוה איז פאַר זיי בלויז דער גאָט פון ישראל און אַרום פון די גרעניצען פון אידישען לאַנד הערשען אַנדערע געטער און יהוה האָט דאָרטען קיין שום מאַכט ניט. יפתח'ס טענה צום מלך פון מואָב איז: „וואָס דיין גאָט כמוש גיט דיר אַוועק, געהערט צו דיר, און וואָס אונזער גאָט יהוה גיט אונז אַוועק, געהערט צו אונז" (שופטים י"א 24). יהוה איז בכן לויט דעם דאָזיגען אויסדרוק אַזאַ מין גאָט ווי כמוש, מער ניט כמוש איז דער גאָט פון מואָב און יהוה איז דער גאָט פון ישראל. און אַז דער מלך פון מואָב האָט אין אַן עת־צרה מקריב געווען צו כמוש זיין ערשטגעבאָרענעם זוהן, האָט טאַקע כמוש, לויט דעם ביבלישען היסטאָריקער, אַרויסגעוויזען זיין מאַכט, „און עס איז געווען אַ גרויסער צאָרן אויף ישראל" און די אידען האָבען געמוזט אויפגעבען די באַלאַגערונג (מלכים ב, ג 27). וואָרים אין לאַנד מואָב, האָבען די אידען אין דער אַלטער צייט געגלויבט, האָט דער גאָט כמוש די מאַכט, ניט יהוה. און דוד באַקלאָגט זיך, אַז מ'האָט איהם אַרויסגעטריבען פון יהוה'ס נחלה, עס הייסט: פון דעם אידישען לאַנד, און ער איז געצוואונגען צו דינען פרעמדע געטער, עס הייסט: די געטער פון די פלשתים. אַז מ'האָט געקאָנט דינען צו יהוה אויך אין לאַנד פון די פלשתים, אַזאַ זאַך איז גאָרניט איינגעפאַלען דוד'ן אָדער לכל הפחות דעם שרייבער, וועלכער לעגט איהם די דאָזיגע ווערטער אריין אין מויל.

אַז יהוה איז דער גאָט פון אַלע פעלקער, אַז ער שטעלט מאָראַלישע פאָדערונגען צו אַלע מענשען און אַז ער שטראָפט זיי אַלעמען פאַר זייער מאָראַלישער פאַרדאָרבענקייט — אָט די הויכע השגה טרעפען מיר ערשט ביי די געשריבענע נביאים, עס הייסט ביי די נביאים, וועמעס רייד עס זיינען געבליבען פאַרשריבען אין ביכער און וואָס די ערשטע פון זיי זיינען געווען עמוס און הושע און אפרים און ישעיה בן אָמוץ און מיכה המורשתי אין יהודה. אין דער צייט פון משה'ן ביז אָט די נביאים זיינען די אידען ניט געווען קיין מאָנאָטעאיסטען, עס הייסט זיי האָבען ניט געגלויבט אין דער מציאות בלויז פון איין גאָט, און זיי זיינען אויך ניט געווען קיין פּאָלי־טעאיסטען, עס הייסט זיי האָבען אויך ניט געדינט צו פיעל געטער ווי די פעלקער אַרום, נאָר זיי האָבען געגלויבט, אַז זיי אַלס אידען אין זייער אידי־

שען לאנד מענען דינען בלויז צו זייער פאָלקס־גאָט יהוה. די דאָזיגע פאָרם פון רעליגיאָן באצייכענען די פאָרשער מיט׳ן נאָמען העגאָטעאיזם. דאָס איז א מין צווישען־שטופע צווישען מאָנאָטעאיזם און פאָליטעאיזם.

וואָס משה האָט געלערנט די אידען וועגען יהוה, קאָנען מיר ניט ווי־סען און עס לוינט ניט צו שאפען קיין סברות וועגען דעם. וואָס מיר קאָנען יאָ ארויסנעמען פון די אלע פארשידענע לעגענדען, וועלכע דערצעהלען פון יענער צייט, איז פאָלגענדעס:

די אידען אין דער גאָמאדישער צייט האָבען געגלויבט, אז יהוה טראָגט אויפ׳ן בארג סיני, וועלכער האָט דעריבער געהייסען „הר־האלהים“, גאָט׳ס בארג. אין דעם דיקען וואָלקען אויפ׳ן שפיץ פון סיני האָט יהוה געטראָגט מיט זיין געטליכער מאיעסטעט (כבוד יהוה), און דעריבער האָט קיין איד אחוץ משה׳ן ניט געוואָגט דאָרטען צוצוקומען. „און דאָס פאָלק איז גע־שטאנען פון ווייטען און משה איז צוגעגאנגען צום דיקען וואָלקען וואָס דאָרטען איז גאָט“ (שמות כ 21).

אין דעם סאמע אלטען גלויבען וואוינט יהוה אויפ׳ן סיני־חורב. דאָר־טען בלייבט ער. צו באגלייטען די אידען שיקט ער זיין מלאך (שמות ל״ב 34). לויט אן אנדער נוסח באשטעהט משה דערויף, אז יהוה גופא זאָל מיט־געהן מיט די אידען און ער פיהרט עס אויס (ל״ג 14—17). לויט דעם דאָ־זיגען נוסח, ווייזט אויס, האָט דער היילינער קאסטען, דער „אָרון פון יהוה“, פאָרגעשטעלט די אנוועזענהייט פון יהוה. וואו דער אָרון האָט זיך געפונען, דאָרטען איז אויך געווען יהוה. מ׳פלעגט דעריבער מיטנעמען דעם אָרון אויפ׳ן שלאכטפעלד, כדי צו זיין זיכער מיט יהוה׳ס הילף (שמואל א, ד 3, 7). אויך א היילינען געצעלט האָבען זיי קענטיג געהאט אין מדבר, צי צו האלטען דערין דעם אָרון אָדער אלס באזונדער היילינטום. אָט דעם היילינען געצעלט האָט די אויבענדערמאנטע פריסטערליכע שריפט פארוואנדעלט אין א טראָגבארען טעמפעל, א משכן.

די אידען און די זקנים. משה און יתרו־חובב.

וועמעס גאָט איז יהוה געווען איידער משה האָט איהם געמאכט פאר דעם גאָט פון ישראל?

דערויף קאָן נאָר זיין איין ענטפער. יהוה איז לכתחילה געווען דער גאָט פון דעם פאָלק — אָדער שבט, צו וועמעס טעריטאָריע דער בארג סיני האָט געהערט. דער בארג סיני, ווייסען מיר, האָט זיך געפונען אין דער טעריטאָריע פון די מדינים. וואָרים עס ווערט דערצעהלט, אז משה האָט ביי דעם בארג געפאשעט די שאָף פון זיין שוועהר יתרו דעם כהן פון מדין (שמות ג 1), און עס איז א כלל, אז יעדער שבט האָט זיין פאשע אין דער געגענד און איז ניט מסיג גבול די אנדערע שבטים.

יתרו איז געווען דער שעיך און כהן פון מדין. מדין איז אָבער א ברייטער נאָמען פאר א גאנצען פאָלק. משה'ס שוועהר יתרו־חובב, ווייסען מיר פון אנדערע שטעלען, האָט געהערט צו די קינים, וועלכע זיינען געווען א שבט פון די מדינים*). חובב מיט זיין שבט די קינים געהען מיט די אידען מיט קיין כנען אלס וועגווייזער, אויף משה'ס בקשה (במדבר י 29). די קינים באזעצען זיך אין דרום פון ארץ ישראל און פיהרען דאָרטען א נאָ־מאדען־לעבען (שופטים א 16). די אידען זיינען תמיד געשטאנען אין פריינדליכע באציהונגען צו די קינים (שמואל א, ט"ו 6). דוד פאראייניגט די קינים מיט זיין שבט, יהודה (שמואל א, ל 29). דער פאָרבאדינג דערפון איז, אז די קינים האָבען געדינט צום זעלביגען גאָט ווי די אידען. נאָך מעהר, שפעטער געפינען מיר א משפחה פון די קינים, די רכבים, אלס די גרעסטע קנאים פאר יהוה (פארגלייך מלכים ב, י 15; ירמיה ל"ה; דברי הימים א, ב 55).

דאָס דערקלערט אויך יתרו'ס פאָזיציע. יתרו איז געווען א כהן. צו וועלכען גאָט? זעלבסטפארשטענדליך צו יהוה*). ווען יתרו האָט דער־הערט די גרויסע זאכען, וואָס משה האָט אויפגעטאָן מיט די אידישע שבטים אין יהוה'ס נאָמען, זאָגט ער: „איצט זעה איך איין, אז יהוה איז גרעסער פאר אלע געטער" (שמות י"ח). דעם ערשטען קרבן צו יהוה ברייגגט דעריבער ניט משה און ניט אהרן, נאָר יתרו. יתרו, שטעהט עס, האָט מקריב געווען קרבנות און אהרן און אלע זקנים פון ישראל זיינען גע־קומען עסען מיט משה'ס שוועהר פון דעם קרבן (אין זעלביגען קאפ. פסוק 12). עס הייסט, אז יתרו האָט דערמיט זיי אריינגעפיהרט אין דעם דינסט פון יהוה, און זיי האָבען דערמיט אָנגענומען יהוה פאר זייער גאָט. דער־יבער שטעהט דאָ ניט, אז משה האָט געגעסען מיט יתרו'ן פון דעם קרבן, נאָר אהרן און די זקנים, וואָרים משה האָט שוין פריהער געדינט צו יהוה דורכ'ן מתחתן זיך מיט מיט דעם שעיך און דעם כהן פון די קינים.

ביי די קינים וואָלט דער גאָט יהוה אויף אלעמאָל געבליבען ניט מעהר

---

*) „און די קינדער פון (חובב) דעם קיני דעם שוועהר פון משה" (שופטים א 16). „און חבר דער קיני האָט זיך אָפגעשיידט פון קין פון די קינדער פון חובב דעם שוועהר פון משה" (שופטים ד 11).

*) לויט דער שפעטערדיגער אידישער טראַדיציע האָט יתרו פריהער געדינט עבודה זרה און האָט דערנאָך אונטער משה'ס השפעה זיך מגייר געווען. אָבער עס איז אומבאַשטריטען, אז אויב משה האָט זיך מתחתן געווען מיט די קינים און איז געוואָרען א מיטגליד פון זייער שבט, האָט ער אָנגענומען זייער גאָט, ניט אומגעקערט. על כל פנים האָט משה זיך געלערענט פון יתרו'ן, ניט יתרו פון משה'ן. דאָס זעהט מען קלאָר אין שמות קאַפ. י"ח.

ווי ז'ער גאָט פון א שבט. די אידען אָבער זיינען שפּעטער, אין דער פּעריאָדע פון די גרויסע נביאים, געקומען צו דער העכסטער השגה וועגען גאָט, וועלט און לעבען, זיי זיינען געקומען צו דעם הויכען געדאַנק פון אן איינאיינציגען גאָט פון דער גאַנצער וועלט, וועלכער פאָדערט פון די מענשען גערעכטיגקייט און ליבע. און זיי האָבען זעלבסטפאַרשטענדליך אידענטיפיצירט דעם וועלט־גאָט מיט זייער אַמאָליגען יהוה פון סיני. יהוה, האָבען זיי דער־קלערט, איז עס דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט און פון אלע מענשען.

בקיצור געזאָגט: ניט דער איינאיינציגער אמת'ער גאָט פון דער וועלט האָט זיך אנטפּלעקט צו די אידען ביים בארג סיני, נאָר גראָד פאַרקערט: די אידען אין פאַרלויף פון זייער לאַנגער געשיכטע האָבען אנטדעקט דעם וועלט־גאָט און האָבען געזאָגט, אז ער איז דאָס דער גאָט, מיט וועמען משה האָט זיי אמאָל אין דער מדבר־צייט פאַרבונדען. און משה'ס הויפּט־באַדייטונג באַשטעהט דערין, וואָס ער האָט די אידישע שבטים געגעבען א גאָט און דערמיט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער נאַציאָנאַלער איינהייט פון אידישען פאָלק און פאַר זיין גייסטיגער קולטור, זיין רעליגיאָן. ווען משה פאַראייניגט ניט אלע אידישע שבטים דורך איין גאָט, וואָלט שפּעטער ניט געווען קיין דוד, קיין אידישע מלוכה און קיין אידישע נביאים.

אָנרעגונגען צום שטודיום:

1) לעז דורך, אלע מדבר־געשיכטען אין חומש און באַטראַכט ווי די סיני־לעגענדען זיינען אריינגעשטעלט אין די קדש־לעגענדען (די סיני־לעגענדען הייבען זיך אָן אין שמות י"ט 1 און אין במדבר י 29 הייבען זיך ווידער אָן די קדש־לעגענדען).

2) לעז וועגען געטער, וועלכע ווערען פאַרוואַנדעלט אין טומאה אין דר. זשיטלאָווסקי'ס געזאַמעלטע שריפטען, פערטען באַנד, פון זייט 203 („טויט און ווידערגעבורט פון געטער און רעליגיאָנען").

3) לעז אין דער פריהערדיגער לעקציע וועגען דער היסטאָרישער עכט־קייט פון משה'ס ראָלע אין יציאת מצרים.

4) לעז איבער און באַטראַכט קאַפּ. י"ט אין מלכים א.

ביבליאָגראַפיע:

וועגען משה'ן אין קדש: די גרויסע אידישע געשיכטע, באַנד 1, ז. 170—173.

וועגען דעם אָרון, ביבלישע געזאַנגען פון חיים שויס, ז. 111, 112.

וועגען משה'ן און די תורה: אין זעלביגען בוך, ז. 13—19.

וועגען סיני און קדש: אין זעלביגען בוך, ז. 159.

פאַר אַ גרינטליכען שטודיום:

K. Budde, Religion of Israel to the Exile, 1-38.

זעקסטע לעקציע.

דאָס אַריינדרינגען אין לאַנד

די עראָבערונג פון עבר־הירדן

ווי לאַנג די אידען האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין מדבר איז אומ־באַקאַנט. 40 יאָהר איז אַ רונדע צאָהל, איינע פון די רונדע צאָהלען פון דער טראַדיציע, וועלכע זיינען אַלעמאָל אין חשד. עס איז אויך ניט זיכער, צי די אידען האָבען פון אָנהויב אָן געזוכט אריינצודרינגען אין כנען, נאָר זיי זיינען פאַרהינדערט געוואָרען (ווי עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער לעגענדע פון די „מרגלים“), אָדער דער געדאַנק אויפצוגעבען דאָס לעבען אין דער סטעפּע און זיך צו באַזעצען אין דעם פּרוכטבאַרען ישוב־לאַנד איז ערשט געקומען צו זיי שפּעטער דורך זייטיגע סיבות.

לויט דער שפּעטערער אויפפאַסונג וואָס מיר געפינען אין חומש האָבען די אידען, נאָכדעם ווי משה האָט געשיקט מרגלים פון קדש, געפּרואווט אריינדרינגען אין לאַנד דירעקט פון דרום. זייער אַטאַקע איז אָבער געווען אַ דורכפאַל און זיי זיינען ביי חרמה שטאַרק צעשלאָגען געוואָרען דורך די עמלקים און די כנענים (במדבר י״ד 45). אַלע אידישע שבטים זיינען דער־ריבער געצוואונגען געווען צו געהן אַרום און אַרום אדום (בדמבר כ 14—21 ; כ״א 4 ; שופטים י״א 18). די אידישע שבטים אונטער משה׳ס פיהרערשאַפט האָבען דאַן איינגענומען דעם עבר־הירדן און עס אַוועקגעגעבען צו ראובן, גד און אַ האַלבען שבט מנשה מיט אַ תנאי, אַז זיי זאָלען פריהער געהן העלפען איינעמען די מערב־זייט פון ירדן.

די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז אַ שפּעטערדיגע און איז ניט אין איינ־קלאַנג מיט דעם פאַקטישען גאַנג פון די געשעהענישען. וואָרים:

(1) וועגען דער מלחמה ביי חרמה האָבען מיר אין תנ״ך, אַחוץ דעם אויבען ציטירטען שטעל, נאָך צוויי אַנדערע נוסחאות, וואו די זאַך ווערט גאַנץ אַנדערש דערצעהלט. לויט די דאָזיגע נוסחאות האָבען דאָרטען גאָר די אידען געזיגט, ניט די כנענים (במדבר כ״א 1—3, שופטים א 17).

(2) פון כלב׳ס שטעלונג אין דער מרגלים־געשיכטע דאַרף מען אַרויס־דרינגען, אַז דער שבט כלב, און מיט איהם נאָך אַנדערע שבטים פון נגב

ווי: קין און קנז, האָבען פון לכתחילה געוואוינט אין נגב און זיינען קיינ־מאָל איבער דעם ירדן ניט געגאַנגען.

(3) אַז אַלע שבטים זיינען געגאַנגען אַרום אדום איז ניט קיין זיכערע זאַך; וואָרים מיר האָבען וועגען דעם צוויי נוסחאות, וועלכע זיינען זיך סותר. לויט דברים ב 1—8 און 28, 29 ווייזט עס גאָר אויס, אַז די אדומים האָבען יאָ דורכגעלאָזען די אידען.

(4) דער האַלבער שבט מנשה פון עבר־הירדן, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען מכיר, האָט גאָר לכתחילה געוואוינט אין מערב־זייט פון ירדן, וואָרים אין דבורה׳ס געזאַנג ווערט מכיר צוגעצעהלט צו די מערב־שבטים (שופטים ה 14).

(5) אויך ראובן האָט לכתחילה געמוזט וואוינען אין מערב־זייט פון ירדן, וואָרים זיין ראָלע אַלס בכור צווישען די שבטים לאָזט זיך נאָר דער־קלערען ווען מיר נעמען אָן, אַז דער שבט ראובן האָט געוואוינט אין אָנהויב אין כנען און איז דאָרטען געווען דער שטאַרקסטער שבט. אויך דאָס וואָס ער שטעהט צווישען די ערשטע קינדער פון לאה׳ן לאָזט זיך נאָר דערקלע־רען, אויב ער האָט אַמאָל געוואוינט אין דרום פון כנען צוזאַמען מיט שמעון לוי און יהודה (לעז דורך אָן פאַרגלייך בראשית כ״ט 32—35; ל״ו 21, 22, 29, 31; מ״ב 22, 37; מ״ט 3).

עס ווייזט פון אָט דעם אַלצדינג אויס, אַז ראובן און מכיר־מנשה האָבען געוואַנדערט ניט פון מזרח קיין מערב, נאָר אומגעקערט פון מערב צו מזרח; עס הייסט: ווען עס איז אין דער פּרעהיסטאָרישער צייט האָבען זיי פאַר־לאָזען זייערע היימען אין כנען און זיך באַזעצט אין עבר־הירדן.

גד ווידער האָט נאָך אין דער צייט פון דבורה ניט עקזיסטירט אַלס שבט. וואָרים אין דבורה׳ס געזאַנג ווערט ער באַצייכענט אַלס גלעד (שופטים ה 17). ערשט נאָך דער צייט פון דבורה׳ן קאָנסטיטואירט ער זיך אַלס שבט גד, און גלעד ווערט דאַן אַ געאָגראַפישע באַצייכענונג פאַר דעם צענטראַלען טייל פון עבר הירדן.

דער פאַקטישער גאַנג פון די געשעהענישען איז העכסט וואַרשיינליך געווען אַ פועל־יוצא פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע אין יענער צייט. דאָס איז געווען אונטער דער רעגירונג פון רעמסס דעם דריטען, וועלכער האָט ווידער אונטערוואָרפען פּאַלעסטינא און סיריען אונטער דער עגיפּטי־שער הערשאַפט. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע פעלקער־באַוועגונג. שוין אונטער מערנפּטאה איז פאָרגעקומען אַן אָנפאַל פון די ים־פעלקער אויף עגיפּטען. איצט האָט אַ געוואַלדיגע פעלקער־כוואַליע זיך אַ גאָס געטאָן פון קליינאַזיען איבער סיריען און פּאַלעסטינא. עס ווייזט אויס, אַז אין דער דאָזיגער צייט האָבען די פּלשתים זיך באַזעצט ביים ברעג ים, וואו מיר טרעפען זיי שפּעטער אין דער צייט פון שאול און דוד.

די גרויסע פעלקער־כוואליע האט געשטופט אלץ ווייטער צו דרום די מלוכה פון די אמורים, וועלכע איז שוין אין דער אמארנא־צייט געגרינדעט געווארען אין צפון־מזרח פון פאלעסטינא. געשטופט פון דער פעלקער־כוואליע, האבען די אמורים באזיגט און ארויסגעשטופט די עמונים און מואבים און פארנומען דעם עבר־הירדן ביז דעם טייך ארנון. עס קאן גרייכען זיין, אז די אידען זיינען לכתחילה גערופען געווארען צו הילף פון זייערע ברודער־פעלקער, וועלכע זיינען געווען אזוי שטארק געדריקט. אדום און מואב האבען זיי קענטיג דורכגעלאזען. די אידען האבען צעשלאגען די מלוכה פון די אמורים אונטער זייער קעניג סיחון און פארנומען דעם עבר־הירדן פון יבוק ביז דעם ארנון. א צווייטען מאל האבען נאך אנדערע אידישע שבטים געוואלט דורכגעהן, האט מען זיי ניט דורכגעלאזען, און זיי האבען געמוזט געהן ארום. דאס גלייכט אוים די סתירה פון אויבען, ז. 12, אונטער 3. דאס שטיק לאנד פון יבוק ביז'ן ארנון איז דעריבער געבליבען א באשטריטענע טעריטאריע צווישען די אידען און זייערע ברודער־פעלקער אין דרום־מזרח פון עבר־הירדן. די אידען האבען גע'טענה'ט, אז עס איז זייערע, ווייל זיי האבען עס אוועקגענומען. עמון און מואב ווידער האבען גע'טענה'ט, אז דאס געהערט צו זיי, ווייל זיי זיינען ארויסגעשטופט געווארען פון דארטען דורך די אמורים. אן אנטשיידונג איז ערשט געקומען אין דער שופטים־צייט אונטער יפתח'ן (שופטים י"א).

די אריינדרינגונג אין כנען.

משה איז געשטארבען אויף יענער זייט ירדן. דאס איז א שותפות'ע טראדיציע אין אלע באריכטען פון חומש, און מיר האבען קיין גרונט ניט צו צווייפלען אין דעם.

די געשיכטע פון דער עראבערונג פון מערב־פאלעסטינא, פון כנען, ווערט דערצעהלט באריכות אין ספר יהושע. יהושע, פון שבט אפרים, ווערט דארטען פארגעשטעלט אלס דער פיהרער פון אלע אידען נאך משה'ס טויט, און אלץ וואס האט געטראפען מיט משה'ן, האט אויך געטראפען מיט יהושע'ן. פאר משה'ן שפאלט זיך דער ים, פאר יהושע'ן שפאלט זיך דער ירדן. משה שיקט מרגלים, יהושע שיקט אויך מרגלים. משה הערט א שטים, וועלכע הייסט איהם אויסטאן די שיך, ווייל דער ארט וואו ער שטעהט איז הייליג (שמות ג 5), דיזעלביגע זאך ווערט אויך דערצעהלט פון יהושע'ן (יהושע ה 15). ביי יריחו געהען אלע אידען אריבער דעם ירדן, אויף אלע איינוואוינער פון לאנד פאלט אן אימה אן, און אין 5 יאהר (יהושע י"ד 7—10) ווערט דאס גאנצע לאנד איינגענומען. די כנענים ווערען אלע אויסגעראטן מיט'ן שארף פון שווערד, ניט לאזענדיג אין ערגיץ קיין שריד־

ופליט פון זיי, און די אידען פארטיילען צווישען זיך דאס לאנד.

ווען מיר ענדיגען דעם ספר יהושע און געהען אריבער צו זיין אנגענו־מענעם המשך, דעם ספר שופטים, געפינען מיר דאן א מערקווירדיגע זאך. אלס איבערשריפט פון בוך שטעהט אין אנהויב : „און עס איז געוועזן נאך דעם טויט פון יהושע". ווען מיר לייענען אבער ווייטער אין דעם קאפיטעל, זעהען מיר דאן, אז די איבערשריפט האט אונז אפגענארט, אז דאס איז לחלוטין קיין המשך ניט פון ספר יהושע, אז מיר האלטען דא, אין ערשטען קאפיטעל פון שופטים, פאקטיש ניט נאך יהושע'ס טויט, נאר נאך משה'ס טויט. עס הייסט בקיצור : אז דער ערשטער קאפיטעל פון שופטים איז אן אומאפהענגיגער באריכט וועגען דער עראבערונג פון כנען.

די הויפט־פונקטען, אין וועלכע אט דער באריכט אונטערשיידעט זיך פון דעם באריכט פון ספר יהושע, זיינען פאלגענדע :

1) יהושע ווערט דא לגמרי ניט דערמאנט.

2) די שבטים געהען ניט אלע צוזאמען, נאר יעדער שבט אדער יעדע גרופע שבטים, ערארבערט פאר זיך דאס שטיק לאנד, וואו ער באזעצט זיך.

3) דאס לאנד ווערט זעלטען וואו איינגענומען מיט'ן שווערד, נאר אין די מעהרסטע פאלען דרינגען די אידען אריין אויף א פרידליכען אופן און לעבען זייט ביי זייט מיט די כנענים. די אידען לעבען דאס רוב אויף די בערג. אין די טאלען איז שווער פאר זיי ארייבצודרינגען איבער די אייזערנע רייטוועגען פון די כנענים.

עס איז היינט אן אנגענומענע זאך ביי אלע פארשער, אז אט דער באריכט פון שופטים קאפ. א איז דער עלטערער און אז ער גיט איבער דעם אמת'ען גאנג פון די געשעהענישען אהן וואסערע פארב און טענדענצען. פארקערט ווידער דער באריכט פון ספר יהושע שטאמט פון א שפעטערער צייט און ער גיט איבער די געשעהענישען ניט ווי זיי זיינען באמת פאר־געקומען, נאר ווי זיי האבען באדארפט פארקומען לויט די רעליגיעזע השגות פון דעם מחבר. זיין קוק אויף דער זאך איז געוועזן ווי פאלגט : די אידען האבען אנגעהויבען צו זינדיגען געגען יהוה און צו דינען די בעלים נאכדעם ווי זיי האבען זיך באזעצט אין לאנד. דערפון זיינען געקומען אלע צרות אויף די אידען. דעם דאזיגען מוסר־השכל זוכט ער ארויסצוברענגען דורך א שילדערונג פון דער אוראלטער פארגאנגענהייט. דעמאלט, נאר וואס פון מדבר געקומען, זיינען די אידען נאך געוועזן געטריי צו יהוה, וועלכער האט דעריבער אומעטום מלחמה געהאלטען פאר ישראל. די אידען האבען דערום ניט מורא געהאט פאר זייערע פיינד, ווי איצט אין דער צייט פון דעם דא־זיגען מחבר, נאר וואוהין זיי זיינען נאר געגאנגען, זיינען די פיינד געפאלען פאר זיי ווי שטרוי. דער שרייבער פון ספר יהושע האט אויף דעם אופן אריינגעקוועטשט אין א שפאן פון עטליכע יאהר א לאנגען פראצעס, וואס

האט זיך געצויגן הונדערטער יאהרען. אלץ וואס די אידען האבען ערא־בערט פון משה'ס טויט ביז שלמה'ס צייט ווערט פון איהם צוגעשריבען יהושע'ן. יהושע האט לויט איהם איינגענומען אויך ירושלים און גזר, שטעדט וועלכע זיינען ערשט אונטער דוד'ן און שלמה'ן ערשט אונטער דוד'ן און שלמה'ן (פארגלייך יהושע י מיט שמואל ב, ה 6, 7 און מלכים א, ט 16).

אז דער ערשטער קאפיטעל פון שופטים איז א זיכערער באריכט און אז דער באריכט פון ספר יהושע איז דורך און דורך טענדענציעס, אין דעם איז קיין פלוגתא ניטא. די פראגע איז בלויז, אויב מיר קענען ארויסנעמען עפעס א היסטאריש קערענדעל פון ספר יהושע און דערגענצען דערמיט דעם באריכט פון שופטים קאפ. א. פילייכט מעגען מיר אננעמען לויט ביידע באריכטען, אז דער גאנג פון די געשעהענישען איז געווען בערך ווי פאלגט:

א) מאנכע ישראל־שבטים זיינען פון פריהער שוין געזעסען אין דרום פון פאלעסטינא (לויט מערענפטאה'ס אויפשריפט).

ב) מאנכע משפחות און שבטים האבען זיך באזעצט אין נגב, קומענ־דיג דירעקט פון דרום (כלב, קין, קנז. צי אויך יהודה, איז ניט זיכער).

ג) נאך דעם נצחון איבער די אמורים אין מזרח־פאלעסטינא איז משה געשטארבען און יהושע, דער הויפטלינג פון יוסף, איז געווארען דער פיהרער פון די וואנדערענדיגע שבטים.

ד) אויב יהודה האט זיך ניט באזעצט אין זיין טעריטאריע קומענדיג דירעקט פון דרום, נאר איז געגאנגען ארום אדום, דארף מען דאן אננעמען, אז ביי יריחו איז פארגעקומען א צעשיידונג. יהודה, צוזאמען מיט שמעון, איז אוועקגעגאנגען קיין דרום, און דאס הויז יוסף, אן וועלכען עס האבען זיך געהאט אנגעשלאסען נאך אנדערע צפון־שבטים, איז אוועקגעגאנגען קיין צפון און האט זיך באזעצט אויפ'ן בארג אפרים. בית־אל האבען די אידען איינגענומען דורך דעם פאררראט פון אן איינוואוינער פון שטאדט (שופטים א 22—25), אין שכם אבער האבען די אידען א לאנגע צייט געוואוינט צו־זאמען מיט די כנענים, ווי עס ווערט געשילדערט אין דער געשיכטע פון אבימלך'ן (שופטים ט).

ה) די עגיפטישע ממשלה איבער פאלעסטינא האט נאך רעמסס דעם דריטען פאקטיש אויפגעהערט. די כנענים זיינען ניט געווען פאראייניגט צווישען זיך, אזוי אז נייע אריינוואנדערער האבען ניט באגעגענט קיין גרויסע שוועריגקייטען אין באזעצען זיך אין געוויסע טיילען פון לאנד, באַ־זונדערס אויף די רוקענס פון די בערג.

ו) די כנענים זיינען ניט אויסגעראט געווארען, נאר די אידען האבען זיך באזעצט צווישען זיי.

ז) יעדענפאלס האבען די אידישע שבטים ניט פארנומען תיכף די שטיקער לאנד, וואו מיר געפינען זיי שפעטער, נאר עס זיינען נאך פאר־

עקומען אלערליי וואנדערונגען. אט אזוי האט דער שבט דן, אדער א טייל פון איהם, שפעטער ארויסגעוואנדערט פון זיין אלטער היים אין דרום־מערב פאלעסטינא און האט זיך באזעצט אין סאמע צפון פון לאנד (שופטים י"ח) און ראובן און מכיר, ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהן, האבען שפעטער זיך באזעצט אין עבר־הירדן.

ח) ניט מיט איינמאל האבען די אידען איינגענומען דאס לאנד, ווי דער שרייבער פון ספר יהושע דריקט זיך אוים (קאפ. י 42), נאר דאס האט געדויערט הונדערטער יאהרען.

אנרעגונגען צום שטודיום:

1) לייען איבער און פארגלייך במדבר קאפ. י"ג, י"ד, כ, כ"א און דברים א, ב, ג.

2) פארגלייך שופטים ה 14 און 17 מיט במדבר ל"ב 39, 40. וואס איז דא א סתירה און ווי ווערט דאס פארענטפערט לויט אונזער פאנאנדער־לעגונג פון דער זאך?

3) לייען דורך שופטים קאפ. י"א און באטראכט די טענות פון יפתח'ן און פון עמון און מואב וועגען דעם שטיק לאנד צווישען דעם יבוק און דעם ארנון.

4) לייען איבער יהושע י"ד 6—10. וויפיעל האט לויט דעם געדויערט די ערא‌בערונג פון לאנד דורך יהושע'ן? פון וואנעט איז די ראיה?

5) פארגלייך ווי דער נצחון איבער יבין מלך חצור ווערט אין ספר שופטים צוגעשריבען צו דבורה־ברק (שופטים ד 2) און אין ספר יהושע שוין צו יהושע'ן (יהושע י"א).

6) באטראכט די דערקלערונג אין חומש פארוואס עס האט געדויערט אזוי לאנגע צייט ביז דאס לאנד איז איינגענומען געווארען (שמות כ"ג 29).

ב י ב ל י א ג ר א פ י ע:

לייען דורך אין דער „גרויסער אידישער געשיכטע", באנד 1, ז. 191—229, ווי ר. קיטעל מאטערט זיך, אין איינקלאנג מיט זיין קאנסערוואַ־טיווער שטעלונג, אויסצוגלייכעןביידע ווידערשפרעכענדע באריכטען פון יהושע און שופטים קאפ. א.

קארעספאנדענץ־קורס,
אידיש־נאציאנאלער ארבייטער
פארבאנד

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער צושפאלטונג פון דער אידישער מלוכה

פון

חיים שוים

זיבעטע לעקציע.

די שופטים.

צווישען דער איינדרינגונג אין לאנד און דער גרינדונג פון דער מלוכה ליגט א צווישען־צייט אין דער אידישער געשיכטע. זי ווערט געוועהנליך באצייכענט אלס „די צייט פון די שופטים" און זי ווערט באהאנדעלט אין ספר שופטים און אין אנהויב פון ספר שמואל.

כדי צו פארשטעהען די דאזיגע תקופה אין דער אלטער אידישער פארגאנגענהייט, מוזען מיר פריהער פארשטעהען דעם כאראקטער פון דעם ספר שופטים.

דער ספר שופטים.

דער ספר שופטים איז בתחילה געווען א זאמלונג פון העלדען־געשיכטען, א בוך מיט פארשידענע מעשיות וועגען גבורים אהן א וואסערען צוזאמענהאנג צווישען איין מעשה און דער אנדערער. שפעטער אבער האט א רעדאקטאר פון דעם בוך צוגעשריבען א הקדמה צו איהם (קאפ. ב) און געגעבען די געשיכטע א רעליגיעז־היסטארישען צוזאמענהאנג. נעמליך: אז די אידען ארייגקומענדיג אין זייער לאנד האבען פארלאזען יהוה דעם גאט פון זייערע פאטערס, וועלכער האט זיי פון מצרים ארויסגעפיהרט,

און האָבען אָנגעהויבען דינען צו די פרעמדע געטער פון די פעלקער ארום, די „בעלים". יהוה'ס צאָרן האָט דעריבער זיך אָנגעצונדען געגען די אידען און ער האָט זיי איבערגעגעבען אין די הענט פון זייערע פיינד. זיי פלעגען דאַן שרייען צו יהוה אז ער זאָל זיי העלפען, און יהוה פלעגט שיקען א שופט, א רעטער, און זיי העלפען דורך איהם פון זייערע דריקער. אָבער נאָכ'ן טויט פון דעם שופט פלעגען זיי ווידער זיך בוקען צו פרעמדע גע־טער און פלעגען ווידער אונטערדריקט ווערען פון א פיינד א. אז. וו. נאָך מעהר, דאָס וואָס יהוה האָט ניט איבערגעגעבען אלע פעלקער אין און ארום ארץ ישראל אין יהושע'ס האַנט איז עס געווען נאָר כדי אויסצופרו־בירען די אידען: צי זיי וועלען, אריינקומענדיג אינ'ם לאַנד, דינען צו איהם, צו יהוה, אָדער זיי וועלען נאָכטאָן די כנענים און דינען צו דעם „בעל".

דער רעדאַקטאָר־איבערשרייבער פון די היסטאָריע־ביכער פון תנ"ך האָט אויך דורכגעפיהרט א כראָנאָלאָגיע, אז פון יציאת מצרים ביז'ן בויען דעם בית־המקדש האָט געדויערט 480 יאָהר (מלכים א, ו 1)*). ער האָט דעריבער געגעבען יעדען שופט א לאַנגע צייט און נאָך לענגער האָט ער געמאַכט די תקופות צווישען איין שופט און דעם אנדערען. דאָס רוב אין רונדע צאָהלען: 40, 80 אָדער 20 יאָהר.

עס קומט לויט דעם אויס, אז יהושע האָט עראָבערט דאָס גאַנצע לאַנד אין 5 יאָהר*) און דערנאָך האָט זיך געצויגען א צייט פון בערך 400 יאָהר ביז די אידישע מלוכה איז געגרינדעט געוואָרען.

באמת אָבער איז געווען פונקט דער היפוך. דער פּראָצעס פון אריינ־דרינגען אינ'ם לאַנד האָט זיך געצויגען הונדערטער יאָהרען, בעת די צווי־שען־צייט פון אריינדרינגען ביז'ן גרינדען די מלוכה איז געווען לפי־ערך א קורצע.

ווען מיר ווילען וויסען דעם אמת'ען היסטאָרישען געשלידער, מוזען מיר דאַן אביסעל צעגלידערען דעם ספר שופטים. מיר מוזען אראָפּנעמען דאָס פאָרוואָרט און דאָס נאָכוואָרט, דעם ראַם, אין וועלכען דער רעדאַק־טאָר פון ספר שופטים האָט אריינגעשטעלט יעדע מעשה'לע. מיר זעהען דאַן גלייך פון אויבען אויף, אז די געשיכטען גופא זיינען לגמרי סותר דעם

---

*) ער האָט גערעכענט 12 דורות, 40 יאָהר א דור. 12 מאָל 40 ווערט 480.

*) זעה די פריהערדיגע לעקציע.

ראַם. אין דעם ראַם ווערען די שופטים פאַרגעשטעלט אַלס רעגענטען, אַלס פיהרער פון גאַנצען פאָלק, וועמען אַלע אידען האָבען געפאָלגט פונקט ווי זיי האָבען שפּעטער געפאָלגט די מלכים. ביי יעדען שופט שטעהט עס, אַז ער האָט גע'משפּט ישראל אַזויפיעל און אַזויפיעל יאָהרען. און די שופטים ווערען פאַרגעפיהרט אין אַ באַשטימטער אָרדנונג איינער נאָך דעם אַנדערען אָנהויבענדיג מיט עתניאל בן־קנז און ענדיגענדיג מיט עלי און שמואל. ווען מיר לייענען אָבער די מעשיות גופא קריגען מיר אַ גאַנץ אַנדער בילד. די שופטים זיינען האַרטען גאָר ניט קיין רעגענטען, קיין פיהרער פון גאַנצען פאָלק, נאָר זיי זיינען עלטסטע, שעיך'ס, פון שבטים אָדער משפּחות, לאָקאַלע העלדען, מיט בלויז אַ לאָקאַלער באַדייטונג. זייער גאַנצע פיהרערשאַפט איז באַגרעניצט אויף אַ געוויסער געגענד און אַ געוויסען שבט. דערצו איז פון די מעשה'לעך לחלוטין ניט צו זעהן, אַז עס איז פאַראַן צווישען זיי עפּעס אַ כראָנאָלאָגישע פאַרבינדונג, אַז איין זאַך האָט פּאַסירט פריהער, די אַנדערע שפּעטער. מיר קאָנען לייענען די מעשיות אין דער אָרדענונג ווי זיי שטעהען אין ספר שופטים, מיר קאָנען זיי אויך לייענען אויף צוריק, אָנהייבענדיג מיט דער לעצטער און ענדיגענדיג מיט דער ערשטער, און עס קאָן אויך גריילעך זיין, אַז אַ סך געשעהענישען זיינען פאָרגעקומען גלייכצייטיג, אַז בשעת יפתח, למשל, האָט געפיהרט מלחמות אין גלעד האָט אין דערזעלבער צייט שמשון געהאַט זיינע שטרייטיגקייטען מיט די פלשתים אין דרום־מערב פון דעם לאַנד און אבימלך האָט זיך אַרומגעריסען מיט די איינוואוינער פון שכם אויפ'ן באַרג אפרים.

דער קיצור דערפון איז, אַז מיר מוזען אָוועקלעגען אָן אַ זייט דעם ראַם, וואָס דער שפּעטערדיגער איבערשרייבער האָט געגעבען צו דעם ספר שופטים און אורטיילען לויט די מעשיות גופא. מיר זעהען דאַן, אַז עס איז באמת גאָר ניט געווען קיינמאָל אַ צייט, ווען שופטים האָבען גע'משפּט, עס הייסט: האָבען געהאַט די אויטאָריטעט איבער'ן פאָלק. והראיה, עס שטעהט טאַקע, אַז „אין יענע טעג איז ניט געווען קיין מלך אין ישראל און איטליכער האָט געטאָן וואָס איהם איז געפעלען" (שופטים י"ז 6; כ"א 25).

די באַדייטונג פון שופטים.

וואָס איז די באַדייטונג פון שופטים?

„שופט" האָט אין תנ"ך אַ דאָפּעלטע באַדייטונג. ערשטענס באַדייט עס אַ ריכטער וואָס האָט די אויטאָריטעט אַרויסצוגעבען אַ פּסק־דין. צוויי־

טענס באדייט עס: איינער וואָס נעמט זיך אָן יענעמ'ס קריוודע. למשל ווען דוד זאָגט צו שמואל'ן „וישפטני מידך" (שמואל א, כ"ד 16), איז דער טייטש דערפון ניט: גאָט זאָל מיך משפט'ן, נאָר: גאָט זאָל זיך אָננעמען פאַר מיר. אָדער ווען ישעיה זאָגט „שפטו יתום", מיינט ער ניט: משפט דעם יתום, נאָר: נעמט זיך אָן דעם יתום'ס קריוודע.

די עלטסטע פון שבטים האָבען א געוויסע השפעה. מ'פאָלגט זיי אויך אין שלאכט, ווייל זיי ברייגגען א נצחון און גיבען א געלעגענהייט צו כאַ־פען רויב, אָבער צווינגען די פרייע לייט פונ'ם שבט קאָנען זיי קיינמאָל ניט. ווערט מען אָבער געקריוודעט, קומט מען צו זיי, אז זיי זאָלען זיך אָננעמען. אין אָט דעם זין האָט מען די עלטסטע פון די אידישע שבטים גערופען אין דער אלטער צייט „שופטים"; עס הייסט: פאַרשטעהער, שעיך'ס, פון שבטים, וועלכע פלעגען זיך אָננעמען פאַר די געקריוודעטע פון דעם שבט. ערשט שפּעטער האָט מען אויסגעטייטשט דעם נאָמען „שופטים" אלס ריכטער מיט אן אויטאָריטעט ארויפצוצווינגען זייער פסק־דין אויף אלעמען, אלס רעגענטען פון פאָלק, וועמען אלע האָבען געפאָלגט.

אנשטאָט צו רופען די צייט פאַר דער גרינדונג פון דער מלוכה „די צייט פון די שופטים", איז דערפאַר גלייכער און גענויער זי צו באצייכענען אלס די פאַר־קעניגליכע צייט.

*

די פאַר־קעניגליכע צייט.

וואָס פאַר א צייט איז דאָס געווען און וועלכע צושטענדען האָבען דעמאָלט געהערשט?

די עגיפּטישע ממשלה איבער פּאַלעסטינא איז פאקטיש געווען גע־בראָכען. די כנענים האָבען דאָרטען געלעבט אין פאַרשידענע אָפּגעזונדערטע קיבוצים. זיי האָבען אַלעמאָל געהאַט אן אינערליכע נייגונג צו אָפּזונדע־רונג. אן אמת'ען בונד פון מדינות אָדער שטעדט האָבען זיי קיינמאָל ניט געגרינדעט, נאָר זיי האָבען געלעבט אין שטאָדט־רעפּובליקען און שטאָדט־קעניגטימער, וואָס האָבען כסדר זיך ארומגעריסען איינע מיט די אנדערע. אין געוויסע פאַלען האָבען זיי זיך יאָ פאַראייניגט, ווי למשל אונטער סיס־רא'ן, און דאן זיינען זיי טאקע געווען א געפאַהר פאַר די אידען. בכלל איז דער מצב אין פּאַלעסטינא געווען דעמאָלט אומגעפעהר ווי אין דער אמארנא־צייט.*)

---

*) זעה די צווייטע לעקציע.

די אידען האבען געהאט בלויז דעם עבר־הירדן, דעם דרום־טייל פון ירדן־טאל און דעם בארג אפרים. דער גאנצער ים־ברעג האט געהערט צו די פעניקיער און די פלשתים. דער עמק יזרעאל איז געווען ביי די כנענים אין די הענט. דארטען האבען זיך געפונען די כנעני'שע שטעדט ת ע נ ך, מ'ג י ד ו, ב י ת ־ ש א ן און נאך אנדערע (שופטים א 27). די אידען האבען מעהרסטענס געוואוינט אויף די רוקענס פון די בערג. אין די טאלען האבען זיי ניט געקאנט אריינדרינגען, ווייל די כנענים האבען דארטען געהאט אייזערנע רייטוועגען, געגען וועלכע די נאר וואס פון מדבר געקומענע אידען מיט זייערע פרימיטיווע כלי־זין זיינען ניט געווען בכוח צו קעמפען. פון די שטעדט זיינען געווען אידישע בלויז י ר י ח ו, ע י, ח ב ר ו ן, ב י ת ־ א ל. אין ש כ ם איז די באפעלקערונג געווען א געמישטע פון אידען מיט כנענים צוזאמען.

דאס הויז פון יוסף אויף'ן בארג אפרים איז בכן געווען אפגעשניטען פון די צפון־שבטים (זבולן, יששכר, נפתלי, אשר) דורך דעם טאל יזרעאל, וועלכער איז באהערשט געווען פון די כנענים. נאך מעהר איז דאס הויז פון יוסף געווען אפגעשניטען פון די דרום־שבטים: יהודה און שמעון. ווייל צווישען זיי איז געווען א מחיצה, א רייה פון כנעני'שע שטעדט: ש ע ל ב י ם, א י ל ו ן, ה ר ־ ח ר ס (ב י ת ־ ש מ ש), ג ז ר, ג ב ע ו ן. דער צענטער פון אט די כנעני'שע שטעדט איז געווען י ב ו ס (י ר ו ש ל י ם).

יהודה איז דערפאר געווען ווי פארלארען פאר דער נעכסטער צייט פון דער אידישער געשיכטע. אויף יענער צייט, ווייזט אויס, זאגט עס דער פסוק „און עס איז געווען אין יענער צייט איז יהודה אוועקגעגאנגען פון זיינע ברידער" (בראשית ל"ח 1).

די אידען, איז דערפון צו זעהן, האבען געהאט דאן אריינגעשטעלט א פעסטען פוס אין ארץ ישראל, אדער עס איז זיי נאך פארגעשטאנען א לאנגער און ביטערער קאמף ביז זיי זיינען געווארען די פולשטענדיגע באלעבאטים פון דעם לאנד. דא און דארטען פלעגען זיי אפט באפאלען ווערען פון די נאמאדישע און די באזעצטע פעלקערשאפטען ארום, און זיי פלעגען מוזען קעמפען שווער צוריקצושטויסען זייערע פיינד. פיעל מאל זיינען אויך די אידען געווען דער אנגרייפענדער צד און זיי האבען אטאקירט זייערע שכנים כדי אריינצודרינגען אין נייע געגענדען. אין די דאזיגע מלחמות זיינען די אידען ניט געווען פאראייניגט אונטער איין פיהרער,

ווי שפעטער אין דער צייט פון דער מלוכה, נאָר יעדער שבט, אָדער יעדע שבטים־גרופּע, האָט געקעמפט באַזונדער פאַר זיך אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם הויפּטלינג פון שבט.

דער באַפרייאונגס־קריג אונטער ברק און דבורה.

פון אַלע מלחמות פון יענער פאַר־קעניגליכער צייט האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלע באַדייטונג בלויז די מלחמה פון די אידען, אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון ברק און דבורה, געגען די כנענים. וועגען דער דאָזיגער וויכטיגער געשעהעניש זיינען אונז געבליבען אין ספר שופטים צוויי באַריכטען: איינער אין פּראָזא (קאַפּ. ד) און איינער אין פּאָעזיע (דבורה'ס געזאַנג, קאַפּ. ה). די ביידע באַריכטען שטימען ניט אין געוויסע ניט וויכטיגע פּרטים. עס פאַרשטעהט זיך אָבער, אַז דער פּאָעטישער באַריכט איז דער עלטערער און זיכערער. ער איז איינער פון די עלטסטע דאָקומענטען וואָס זיינען אונז געבליבען פון דער אורגראָהער צייט פון דער אידישער געשיכטע און ער איז אויך איינער פון די בעסטע פּאָעמען פון דער אַלטער העברעאישער פּאָעזיע.

אַ סך כנעני'שע פירשטען פון די שטעדט אין טאָל יזרעאל האָבען דעמאָלט זיך פאַראייניגט אין אַ בונד אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ כנעני'שען קעניג מיט'ן נאָמען סיסרא*), און האָבען געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג צו צעשלאָגען און אונטעריאָכען די אַריינדרינגענדע אידען.

אַ לאַנגע צייט האָבען די אידישע שבטים אין צפון־און אין דרום־זייט פון טאָל יזרעאל געליטען אונטער דעם דרוק פון די כנענים. די אידישע פּויערים זיינען שוין געווען אַזוי אָפּהענגיג, אַז זיי האָבען מעהר גאָר קיין מוט ניט געהאַט זיך צו שטעלען אַנטקעגען די כנענים. אין דעם דאָזיגען קריזיס זיינען אויפגעטראָטען אַ העלד, ברק, און אַ גאָט־זעהערין, דבורה, און האָבען געוועקט דאָס פאָלק צום קאַמף. זעקס פון די שבטים (אפרים, בנימין, מכיר, זבולון, יששכר, נפתלי) האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַרום ברק און דבורה. אין טאָל, ביים טייך קישון, איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענשטויס צווישען דעם אידישען און דעם כנעני'שען חיל. די כנענים זיינען אין גאַנצען צעשלאָגען געוואָרען און האָבען פון דאַן אָן אויפגעגעבען יעדע האָפענונג צו

---

*) זעה אין דער גרויסער אידישער געשיכטע, באַנד 1, (צוזאַמענגעשטעלט פון ח. שויס) אויף זייט 261, די צווייטע באַמערקונג אונטען.

באהערשען ווען עס איז די אידען. אין דער דאָזיגער שלאַכט ביים טייך קישען איז אנטשידען געוואָרען, אז ניט די כנענים, נאָר די אידען זאָלען בלייבען די באַלעבאַטים פון דעם לאַנד.

די העלדען פון די שבטים.

א חוץ ברק און דבורה האָבען אַלע איבעריגע העלדען און פיהרער פון יענער צייט געהאַט בלויז א לאָקאַלע באַדייטונג. זייער טעטיגקייט און פיהרערשאַפט איז ניט געגאַנגען ווייטער ווי די גרעניצען פון זייער שבט און זייער געגענד. פון אָט די לאָקאַלע העלדען איז ווערט דער ערשטער דערמאָנט צו ווערען דער שעיך פון דער משפחה*) אביעזר פון שבט מנשה, וועלכער טרעט אויף אין די העלדען־געשיכטען פון ספר שופטים אונטער צוויי נעמען: גדעון און ירבעל. נאָך זיין נצחון איבער די מדינים האָט ער געגרינדעט אין זיין געבורטס־אָרט עפרה א קעניגטום פון א שבט. עס ווייזט אויס, אז מנשה און אפרים — עס הייסט: דאָס הויז יוסף, דער מיטעלפונקט פון פאָלק ישראל אין יענער צייט — האָבען איהם אנערקענט אַלס קעניג. ער האָט דערמיט געמאַכט די ערשטע פּראָבע פון א קעניגטום פון אידישען פאָלק. אָבער אונטער זיין זוהן און נאָכפאָלגער אבימלך איז דאָס דאָזיגע שבט־קעניגטום צונישט געוואָרען דורך דער קנאה־שנאה וואָס האָט געהערשט צווישען די אידען און די כנענים אין שכם.

גרעסערע מעשיות שטעהען אויך וועגען א העלד פון שבט בנימין, אהוד, און א העלד פון גלעד, יפתח. פון שמגר בן־ענת ווערט דערצעהלט אין עטליכע ווערטער וועגען א גבורה וואָס ער האָט באוויזען אין א שטרייט מיט די פלשתים. א גאַנצע רייהע פון שופטים ווערען דערמאָנט בלויז מיט די נעמען, אָבער עס ווערט קיין זאַך ניט דערצעהלט וואָס זיי האָבען געטאָן. מ'באַצייכענט זיי דאריבער אַלס „די קליינע שופטים“. א גאַנצע רייה געשיכטען, די אינטערעסאַנטסטע פון גאַנצען ספר שופטים, ווערען דערצעהלט וועגען א גבור פון שבט דן, שמשון. א סך פאָרשער לייקענען לגמרי, אז שמשון איז געווען א היסטאָרישע פערזאָן. זיי האַלטען שמשון'ען פאַר א מיטאָלאָגישע פיגור. ער איז, זאָגען זיי, די פערזאָנאָפיצירטע זון, א מין

*) משפחה ווערט געברויכט פיעל מאָל אין תנ"ך ניט פאַר אַ פאַמיליע, נאָר פאַר אַ קלאַן, אַן אונטעראָפּטיילונג פון שבט. אַ גענויערע באַצייכענונג פאַר דעם קלאַן איז „אלף“. פאַרגלייך שופטים 7 15 („הנה אלפי הדל במנשה“); י"ז 7 („ממשפחת יהודה“).

גריכישער הערקולעס אין א אידישען נוסח. שמשון'ס לאנגע האר זיינען, לויט זייער מיינונג, די זונען־שטראלען, און זיין קאמף מיט דלילה'ן איז דער קאמף צווישען דער זון און דער נאכט (שמשון פון „שמש" — זון און דלילה פון „לילה" — נאכט). נאר אפילו אויב שמשון זאל יא זיין א היסטארישע פערזאן, האבען אבער על־כל־פנים די מעשיות וועגען איהם ניט קיין היסטא־רישען אינהאלט; ווארים שמשון'ס אלע שטרייטיגקייטען מיט די פלשתים און אלע שטוקעס וואס ער האט זיי אפגעטאן זיינען געווען שטרענג פריוואַ־טע ענינים און האבען מיט דעם כלל ישראל לחלוטין ניט געהאט צו טאן.

אנרעגונגען צום שטודיום:

1) לייען דורך אלע מעשיות פון ספר שופטים און אונטערשטרייך מיט בלייפעדער די שטיקלעך, וואס דער רעדאקטאר האט צוגעשריבען אלס ראם צו די מעשיות.

2) פארטייטש לויט אונזער דערקלערונג פון דער דאפעלטער באדיי־טונג פון ווארט „שפט" די פאלגענדע שטעלען אין תנ"ך: שמואל ב, י"ח 31; איכה ג 59; תהלים כ"ו 1; ע"ב 4; ירמיה ה 28.

3) זוך אויף אין ספר שופטים די נעמען פון די אזויגערופענע קליינע שופטים.

4) באטראכט אויף א קארטע פון ארץ ישראל אין וועלכער געגענד יעדער שופט איז געווען טעטיג.

5) לייען איבער אין ספר שופטים די געשיכטע פון דער וואנדערונג פון שבט דן (קאפ. י"ח) און זעה אויף א קארטע פון ארץ ישראל די געגענד וואו זיי האבען פריהער געוואוינט (צווישען „צרעה" און „אשתאל" אין דרום־מערב פונ'ם לאנד) און די שטאדט „דן", וואס זיי האבען אויסגעבויט אין סאמע צפון פון ארץ ישראל, וואוהין זיי האבען אויסגעוואנדערט (מ'ציהט גראדע ליניע פון צ ו ר צו מזרח קומט מען צו ד ן. „פון דן ביז באר־שבע" האט באצייכענט דעם צפון־און דעם דרום־גרעניץ פון דעם אידישען לאנד).

ביבליאגראפיע.

די געשיכטע פון דער פאר־קעניגליכער צייט, אין דער ג ר ו י ס ע ר א י ד י ש ע ר ג ע ש י כ ט ע, ערשטען באנד (צוזאמענגעשטעלט פון ח.שוים), ז. 233—284. באטראכט דעם כראנאלאגישען סדר, אין וועלכען פראפעסאר ר. קיטעל האט אויסגעשטעלט די געשעהענישען פון יענער צייט. דער דאזיגער סדר איז אבער באגרינדעט גלאט אזוי אויף א סברה איידער אויף וואסערע ניט איז פאקטען.

וועגען דעם היסטאָרישען ווערט פון דער עתניאל־געשיכטע: אין זעל־ביגען בוך ז. 268, באַזונדערס די באַמערקונג אונטען.

וועגען דער באַדייטונג פון שבט, אלף, משפחה און בית־אב: אין זעלביגען בוך ז. 285—288.

וועגען דיביידע נעמען גדעון און ירבעל: אין זעלביגען בוך ז. 270, 271 אונטען אין דער באַמערקונג.

וועגען גדעון אלס קעניג: אין זעלביגען בוך ז, 273 אונטען אין דער באַמערקונג.

דבורה'ס געזאַנג. טעקסט מיט דערקלערונגען און באַמערקונגען, אין „ב י ב ל י ש ע   ג ע ז א נ ג ע ן" פון ח. שוים, ז. 83—92.

הויז ביבליאָטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

אכטע לעקציע.

דאָס איינלעבען זיך אינ'ם לאַנד.

מיט'ן וויסען ווי אַזוי די אידען האָבען געקעמפּט מיט זייערע פיינד אַרום און וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט ביז זיי זיינען געוואָרען די הארען פון דעם לאַנד, וואו זיי האָבען זיך באַזעצט, הייסט נאָך ניט, אַז מיר ווייסען וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין אידישען לעבען אין יענער צייט. זיך באַזעצען אין אַ לאַנד איז ניט גענוג. כדי צו ווערען קינדער פון אַ לאַנד, מוז מען זיך דאָרטען איינלעבען. מיר מוזען דעריבער באַטראַכטען ווי אַזוי די אידען האָבען זיך איינגעלעבט אין דעם לאַנד כנען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך דאָרטען באַזעצט.

בשעת די אידען זיינען אַריינגעדרונגען אין כנען האָט דאָס לאַנד שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע אַנטוויקלונג און האָט שוין געהאַט אַרויסגעבראַכט אַ רייכע ציוויליזאַציע. די כנענים, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין דעם לאַנד (וואָס האָט געטראָגען אין דער ביבלישער צייט זייער נאָמען, כנען) אַרום אַ האַלבען יאָהרטויזענד פאַר די אידען, האָבען שוין דאָרטען געפיהרט אַ רייך ציוויליזירטעס לעבען. זיי האָבען שוין געהאַט באַפעסטיגטע שטעדט, אַ זאַך וואָס האָט קענטיג געמאַכט אַ שרעקליכען רושם אויף די אַריינוואַנדערענדיגע אידישע נאָמאַדען. די ביבלישע לעגענדע דערצעהלט דערפאַר, אַז ווען די „מרגלים" האָבען דערזעהן שטעדט מיט מויערן אַרום איז זיי ממש דאָס הארץ איינגעפאַלען פון שרעק. אין די דאָזיגע שטעדט האָבען די כנענים געלעבט, ווי מיר ווייסען פון די אויסגראָבונגען,

אין רייכקייט און שפע. זיי זיינען דארטען געווען לאנדאייגענטימער, סוחרים, בעלי־מלאכות און קריגס־לייט. אז זיי האבען געהאט גרויסע אנ־זאמלונגען פון סחורות, קאן מען זעהן פון די 600 קערב וואס מ'האט גע־פונען אין אן אויסגעגראבענעם שפייכלער אין ג ז ר*). די האנטווערקער זיינען דאס רוב געווען: טעפער, וועפער, האלצארבייטער און מאכערס פון כלי־זין און פון שנייד־געצייג. עס זיינען אויך שוין געווען ביי זיי קונסט־האנטווערקער, ווי: זיגעל־קריצער און שמידען פון בראנז, גאלד און זילבער.

אויך בנוגע צו פיהרען מלחמה זיינען זיי שוין געווען הויך אנטוויקעלט. מ'האט אויסגעגראבען אין ארץ ישראל פון דער כנעני'שער צייט: מעסערס, שפיזען און פיילען פון פייערשטיין און בראנז. בראנז פארנעמט דעם פלאץ פון שטיין, און אין דער צייט פון דער אידישער איינוואנדערונג האבען די כנענים שוין געהאלטען אין איבערגעהן פון בראנז צו אייזען. זיי האבען שוין געהאט רייטוועגען באשלאגען מיט אייזען („רכב ברזל"). בנוגע צו מסחר ווייסען מיר פון די אמארנא־בריף, אז אין 14טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייט) איז שוין אנגעגאנגען אין ארץ ישראל א רייכער קאראוואנען־האנדעל.

דער קיצור דערפון איז, אז די אידען זיינען אלס פאסטוכער אריינגע־קומען פון מדבר אין א לאנד, וואו זיי האבען געפונען א פארטיגע אנט־וויקעלטע ציוויליזאציע, ווי דער ביבלישער שריפטשטעלער דריקט זיך אויס: „און עס וועט זיין וועט דיין גאט יהוה דיך ברייננגען אין דאס לאנד וואס ער האט צוגעשווארען צו דיינע פאטערס צו אברהם צו יצחק און צו יעקב דיר אוועקצוגעבען, שטעדט גרויסע און שענע וואס דו האסט ניט אנגעפילט, און אויסגעהאקטע ברונימער וואס דו האסט ניט אויסגעהאקט, וויינגערטנער און איילבערטבוימער וואס דו האסט ניט געפלאנצט"... (דברים ו 10, 11).

עס פארשטעהט זיך, אז אריינוואנדערנדיג אין לאנד כנען האבען די אידען געמוזט ביסלעכווייז זיך צוגעוואוינען צו א נייעם זארט לעבען. פריהער זיינען זיי געווען גאנצע אדער האלבע נאמאדען, האבען ארומגע־וואנדערט מיט זייערע סטאדעס פון ארט צו ארט; איצט אבער האבען זיי זיך באזעצט אין דערפער און ביסלעכווייז אויך אין די שטעדט. אט דער איבערגאנג צו ערד־ארבייט האט געענדערט דעם גאנצען כאראקטער פון זייער לעבען אין א מאטעריעלען און אויך אין א גייסטיגען זין. עס האט זיך אויך געענדערט זייער רעליגיאן און זייער קולט, זייער אויפפאסונג פון

*) גזר איז געווען א כנעני'שע שטאדט ביז שלמה'ס צייט. זעה מלכים א, ט 16.

גאָט און דער אופן ווי זיי האָבען צו איהם געדינט. אין תנ"ך ווערט דאָס אויסגעדריקט קורץ, אַז אַריינקומענדיג אין לאַנד האָבען די אידען פאַר־לאָזען יהוה, דעם גאָט פון זייערע פאָטערס, און האָבען אָנגעהויבען דינען צו די „בעלים", די געטער פון די כנענים.

וואָס פאַר אַ מין געטער זיינען דאָס געווען אָט די בעלים פון די כנענים?

„בעל" באַדייט: דער האַר, דער באַלעבאָס, דער אייגענטימער פון אַ זאַך. דאָס פעלד און דער וויינגאָרטען, דער ברונים און דער קוואַל האָבען געהאַט, פונקט ווי זייער מענשליכען, אויך זייער געטליכען אומזיכטבאַרען אייגענטימער. אויך די זון, די לבנה און די שטערן האָבען געהאַט זייערע „בעלים", אָבער דאָס איז שוין געווען אַ צווייטע, העכערע מדרגה פון דער בעל־רעליגיאָן, אַריבערגעטראָגען פון דער ערד צום הימעל.

„בעל" איז בכן ניט קיין פּערזאָנען־נאָמען (שם עצם פּרטי), נאָר אַ כלל־נאָמען (שם עצם כללי). עס איז ניט געווען אַ געוויסער גאָט, וועלכער האָט געהייסען בעל, נאָר יעדע געגענד, יעדע לאַנדשאַפט, יעדע שטאָדט האָט געהאַט איהר „בעל", איהר געטליכען אייגענטימער. מיר געפינען דעריבער אין תנ"ך אַ סך בעלים, ווי למשל: בעל־צפון, בעל־פּרצים, בעל־שלישה, בעל־פעור, בעל־חרמון.

דער מהות פון בעל איז געווען פרוכטבאַרקייט. דער בעל, האָט מען געגלויבט, גיט אַ גערעטעניש אינ'ם לאַנד און פרוכטבאַרקייט אין די סטאַ־דעס. די בעל־רעליגיאָן איז בכן געווען אַ נאַטור־רעליגיאָן, און זי האָט דע־ריבער געהאַט אין זיך דעם סעקסועלען פּרינציפּ. די סעמיטישע פעלקער האָבען זיך פאָרגעשטעלט דאָס וואַקסען אין דער נאַטור אַלס אַ סעקסועלען פּראָצעס. אַלץ וואָס וואַקסט איז אַ פּראָדוקט פון אַ גאָט, אַן „ער", און אַ געטין, אַ „זי", איז אַ פּראָדוקט פון אַ געטליכען טאַטען און אַ געטליכער מאַמען. ביי די באַבילאָניער האָט די געטין געהייסען „בעליט". אין כנען האָט זי געהייסען „בעלה"*), האַרינגטע. מיר טרעפען זי אָבער גאַנץ זעלטען

*) עס איז געווען אין ארץ ישראל אַ שטאָדט, וועלכע האָט ביי די כנענים גע־הייסען „בעלה" און וועלכע די אידען האָבען קענטיג איבערגעלעגט אויף קרית־יערים, זעה יהושע ט"ו 9 און דברי הימים א, י"ג 6.

אונטער דעם דאָזיגען נאָמען, מחמת להיפוך צו דעם בעל, וועלכער איז גע־בליבען א כלל־נאָמען, האָט זי גאנץ פריה אָנגענומען אן אייגען־נאָמען „עשתרת" אָדער אויך „אשרה"*). אויך אין באבילאָניען האָט די „בעלית" געהייסען „אישטאר". זי איז געווען ביי די סעמיטישע פעלקער די געטין פון תאווה'דיגער ליבע, און איהר קולט איז געווען פארבונדען מיט אויסגע־לאסענקייט*).

געדינט צום בעל האָבען די כנענים אין דער אלטער צייט ניט אין קיין טעמפעל, נאָר אונטער'ן פרייען הימעל, אויף בערגלעך, וועלכע מ'האָט גע־רופען ב מ ו ת. אויף דער במה האָבען זיך געפונען צוויי סימבאָלען: א שטיין, „מצבה", אלס סימבאָל פונ'ם „בעל", און א בוים אָדער א סלופ, אן „אשרה", אלס סימבאָל פון דער „עשתרת" אָדער „אשרה".

א חוץ דעם בעל און זיין זיווג האָבען די כנענים, פארשטעהט זיך, געהאַט נאָך א מאַסע אנדערע סעמיטישע געטער, ווי למשל: שמש, דעם גאָט פון דער זון, סין אָדער ירח, דעם גאָט פון דער לבנה, הדד אָדער רימון, דעם גאָט פון דונער, בליץ און שטורם, וואָס דער אָקס איז געווען זיין הייליגע חיה, און נאָך אנדערע געטער.

די אידען, אריינקומענדיג אין דעם לאַנד כנען, האָבען על־פי הכרח געמוזט אָנהויבען ביסלעכווייז אָננעמען די אופנים פון לעבען פון די עלטערע ציוויליזירטערע איינוואוינער פון לאַנד, די כנענים, מיט וועמען זיי האָבען געלעבט זייט ביי זייט. די אידען האָבען זיך געלערענט פון די כנענים ווי צו באארבייטען די ערד, ווי צו בויען הייזער און ווי צו פלאַנצען בוימער. זיי האָבען ביסלעכווייז זיך אלץ מעהר כנענ'יזירט, עס הייסט: זיך איינגעלעבט אין דעם לאַנד.

זיך איינלעבענדיג אין דעם לאַנד און לעבענדיג פון די פרוכטען פון דעם לאַנד האָבען זיי על־פי הכרח אויך געמוזט אָנהויבען דינען די געטער פון דעם לאַנד, די „בעלים". וואָרים וואָס האָט גענוצט דעם אידישען פויער

---

*) אין תנ"ך איז אשרה אַ הילצערנער חפץ, א סימבאל פון דעם כנענ'ישען קולט און אויך אַ געטין. פון די אויסגראָבונגען ווייסט מען אָבער זיכער, אַז „אשרה" איז געווען אַ וואַריאַנט פון „עשתרת".

*) דיזעלביגע געטין פון ליבע טרעפען מיר שפּעטער ביי די גריכען און די רוימער אלס אפראָדיטע־וועגוס. בשעת די הוידנישע פעלקער האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום האָבען זיי ניט געקאָנט בלייבען אָהן א געטין א מוטער און זיי האָבען דעריבער געמאַכט פון יעזוס'עס מוטער מאַרי אַזאַ מין געטליכע מאַמע.

א גאָט פון מדבר וואָס האָט זיינע אורעלטערן פון מצרים ארויסגעפיהרט? ער האָט געצויגען זיין חיונה פון זיין נחלה און ער האָט געמוזט דינען, פונקט ווי זיינע שכנים די כנענים, צו דעם בעל, וועלכער גיט א גערעטעניש אין זיין פעלד און זיין וויינגאָרטען.

אָנהויבענדיג דינען דעם בעל, האָט אָבער דער איד ניט געקאָנט אָט גאָר אזוי אוועקוואַרפען דעם גאָט יהוה, וועלכען ער האָט פון מדבר גע־בראַכט. ווייל בכלל וואַרפען מענשען ניט אוועק קיין אַלטע רעליגיעזע גלויבענס און פאָרמען, נור מ׳פאַרבינדט דאָס אַלטע מיט דאָס נייע, מ׳מאַכט א קאָמבינאַציע צווישען זיי. פונקט אזוי האָבען קאָמבינירט די אידען זייער אַלטע רעליגיאָן פון יהוה מיט דער נייער רעליגיאָן פון די בעלים. זיי האָבען אריבערגעטראָגען אויף יהוה דאָס אייגענטום־רעכט אויף דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבען איינגענומען, און יהוה איז געוואָרען דער בעל, דער האר פון דעם לאַנד כנען. שפּעטער געפינען מיר, אז ארץ ישראל ווערט אָנגערופען „דאָס לאַנד פון יהוה" („ארץ יהוה",הושע ט. 3).

בעלים זיינען אָבער געווען א סך און יהוה איז געווען בלויז איינער. די אידען האָבען דעריבער געמוזט אַלע אַלטע כנענ׳ישע הייליגטימער פון לאַנד מאַכען פאַר הייליגטימער פון יהוה. זיי האָבען אויף דעם אופן פאַרבונדען די הייליגע שטיינער, בוימער און קוואַלען פונ׳ם לאַנד מיט דער טראַדיציע פון די אָבות. אָט די אַלע הייליגע ערטער: בית־אל, שכם, חברון, באר־שבע, פּנואל, זיינען הייליג, האָבען די אידען דערצעהלט, ניט צוליב זייערע בעלים, נאָר ווייל יהוה האָט זיך דאָרטען אַמאָל אַנטפּלעקט צו די פּאַטערס פון פאָלק.

די מעשיות פון חומש בראשית זיינען אין דעם פּרט אַן אוצר פון אידי־שער קולטור־געשיכטע, ווייל מיר זעהען אין זיי ווי אזוי דאָס איינלעבען זיך אינ׳ם לאַנד האָט געווירקט אויף די אידען פּסיכאָלאָגיש, ווי אזוי זיי האָבען אריבערגענומען די אַלע הייליגע ערטער, די במות, פון די כנענים און זיי פאַראידישט.

אזוי שטאַרק האָבען די אידען בעל׳יזירט זייער רעליגיאָן, אז זיי האָבען אָנגעהויבען פייערען די אגריקולטורעלע ימים־טובים צו יהוה. חג המצות, חג הקציר, און חג האסיף, ימים־טובים פאַרבונדען מיט׳ן באַארבייטען די ערד און געניסען פון איהר פּרוכט, זיינען געוואָרען הייליגע טעג פון יהוה.

דער קיצור דערפון איז, אז די אידען, אריינקומענדיג אין לאַנד, האָבען זיך אויסגעמישט מיט די כנענים, האָבען צום טייל אויפגעגעבען זייער נאָמאַדישען אופן פון לעבען און זיינען אין א געוויסער מאָס געוואָרען צי־

ווילייזירט. אָדער ווי דער ביבלישער שריפטשטעלער דריקט זי אויס: „און די קינדער פון ישראל זיינען געזעסען צווישען דעם כנעני און זיי האָבען גענומען זייערע טעכטער פאר פרויען און זייערע טעכטער האָבען זיי געגעבען צו זייערע זיהן און האָבען געדינט צו זייערע געטער" („שופטים ג 6,5).

אנרעגונגען צום שטודיום:

1) לייען איבער די מעשיות פון די אבות און זעה מיט וועלכע הייליגע שטיינער, בוימער און קוואלען יעדערער פון די אבות איז פארבונדען?

2) ווי ווערט אין חומש בראשית אויסגעטייטשט די הייליגקייט פון דעם שטיין (מצבה) אין בית־אל (בראשית כ"ח 10—12)?

3) לייען איבער נאָכאַמאָל די דריטע לעקציע וועגען די אבות.

ביבליאָגראַפיע:

וועגען די כנענים, זייער ציוויליזאַציע און זייער רעליגיאָן: אין דער „גרויסער אידישער געשיכטע", באַנד 1, ז. 98 ביז 127.

וועגען דעם אידישען לעבען אין דער פאר־קעניגליכער צייט: אין זעל־ביגען בוך ז. 285 ביז 317. דאָס אָבער וואָס פראָפעסאָר ר. קיטעל זאָגט אויף ז. 314—317 מכוח א העברעער רעליגיאָן אין יענער צייט איז, ווי אין א סך שטעלען ביים זעלבען אויטאָר, ניט מעהר ווי א געמאַטערטער אופן אריינצו'גנב'נען די טראַדיציע דורך וויסענשאַפטליכע הינטערטירען.

קאָרעספּאָנדענץ־קורס,
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער
פאַרבאַנד

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער צושפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה

פון

חיים שויס

ניינטע לעקציע.

די גרינדונג פון דער מלוכה.

די פלשתים.

ארייננקומענדיג אין ארץ ישראל האָבען די אידען אין אָנהויב געהאַט צו באַקעמפען צוויי שונאים: 1) די עלטערע איינוואוינער פון'ם לאַנד, די כנענים; 2) די נאָמאַדישע שבטים און די באַזעצטע פעלקער אין דרום־מזרח פון'ם לאַנד (עמלק, מדין, אדום, עמון, מואב). געגען די דאָזיגע פיינד זיינען די אידען בכוח געווען צו קעמפען אויך לעבענדיג צעטיילט אין שבטים אָדער שבטים־גרופּעס. אָבער ביים ענד פון דער פאַר־קעניג־ליכער צייט האָבען זיי זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט א נייעם פיינד, וועל־כער האָט געשטעלט אין סכנה זייער גאַנצען נאַציאָנאַלען קיום. דער נייער פיינד איז באַשטאַנען ניט פון נאָמאַדען פון מדבר, נאָר פון א מלחמה־פעהיגען פאָלק, א ים־פאָלק, די פלשתים.

די אורהיים פון די פלשתים ווערט אין תנ"ך אָנגערופען כפתור (עמוס ט 7; ירמיה מ"ז 4) און די מעהרסטע פאָרשער נעמען אָן, אז דאָס איז דער אינזעל קרעטא. די פלשתים זיינען ניט געווען קיין סעמיטען, נאָר מיט דער צייט האָבען זיי זיך סעמיטיזירט. זייערע נעמען, וועלכע

מיר ווייסען פון תנ"ך און פון די אויסגעגראָבענע אויפשריפטען, זעהען אויס צו זיין סעמיטישע. פונקט אזוי אויך זיינען סעמיטיש זייערע געטער: דגון און בעל־זבוב. עס איז ווארשיינליך, אז זיי זיינען געבליבען אין ארץ־ישראל פון דער כוואַליע פון די ים־פעלקער, וועלכע האָבען זיך אַ גאַס געטאָן איבער סיריען און פּאַלעסטינא אין דער צייט פון רעמסס דעם דריטען (ארום יאָהר 1200 פאַר דער קריסטליכער ערא). זיי האָבען פאַרנומען דעם ים־ברעג מיט די פרוכטבארע טאָלען אין דרום־זייט פון דעם בארג כרמל: דעם שרון און די שפלה. דאָרטען האָבען זיי געהאַט זייערע פינף וויכטיגסטע שטעדט: עזה, אשקלון, אשדוד, עקרון, גת, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט ניט פון מלכים, ווי ביי די סעמיטישע פעלקער, נאָר פון „סרנים".

די פּלשתים האָבען אַלץ ווייטער זיך גערוקט צו מזרח. פיליכט האָבען זיי געטרוימט פון גרינדען אַ גרויסע פּלשתי'שע מלוכה וואָס זאָל גרייכען ביז דמשק און דעם פּרת. עס האָט דעריבער געמוזט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען דעם פאָלק פון מדבר, די אידען, און דעם פאָלק פון ים, די פּלשתים. עס ווייזט אויס, אז אין די מעשיות פון שמשון הגבור שפּיגלען זיך אָפּ די ערשטע קלענערע צוזאַמענשטויסען צווישען זיי. זיי רייסען זיך אזוי ארום אַ לענגערע צייט ביז עס קומט צו אַ גרויסער מלחמה. וועגען אָט דער מלחמה ווערט דערצעהלט באריכות אין אָנהויב פון שמואל א. דער צענטער פון אידישען לעבען איז דעמאָלט געווען שילה אויפ'ן באַרג אפרים. דאָרטען האָט זיך געפונען דער הייליגער ארון, וואָס די אידען האָבען געבראַכט פון מדבר, און אַן אלטער כהן איז דאָרטען געווען אין הייליגטום, עלי, מיט זיינע צוויי זיהן חפני און פּנחס.

ביי אפק אין דעם טאָל שרון איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט. די אידען זיינען צעשלאָגען געוואָרען. זיי האָבען געבראַכט דעם ארון אויפ'ן שלאַכטפעלד, כדי צו זיין זיכערער, אז זייער גאָט וועט זיי העלפען. אָבער אויך אָט די האָפענונג האָט זיי אָפּגענאַרט. דער ארון גופא איז אריינגעפאַלען צו די פּלשתים אין די הענט. די פּלשתים האָבען אריינגעשטעלט זייערע גובערנאַטאָרען („נציבים") אינ'ם לאַנד, און די אידען זיינען געבליבען אונטערטעניג אונטער אַ פרעמדען פאָלק.

זיך צו ראַטעווען פון דער געפאַהר איז נויטיג געווען צו אָרגאַניזירען דאָס אידישע לעבען אויף אַ נייער באַזיס, צו פאַראייניגען אַלעמען אונטער איין פיהרער, אַ מלך, וואָס זיין הערשאַפט זאָל איבערגעהן בירושה.

די צוויי באַריכטען וועגען דער גרינדונג פון דער מלוכה.

ווי אזוי איז צושטאַנד געקומען אָט די גרויסע געשעהעניש, די גרינדונג פון דעם קעניגטום?

די מעשיות וועגן דעם אין ספר שמואל, וועלכע דרעהען זיך ארום צוויי פיגורען, שמואל און שאול, זיינען ניט קיין איינהייטליכער באריכט, נאר זיינען זיך כסדר סותר. ווען מיר קלייבען זיך פאנאנדער אין זיי, קריגען מיר דאן ארויס צוויי באזונדערע באריכטען וועגען דער אנט־שטעהונג פון דער מלוכה. פארפאסט געווארען זיינען די דאזיגע באריכטען, ווי עס איז גרינג צו זעהן, א סך שפעטער, ווען די אידישע מלוכה האט שוין געהאט א לאנגע פארגאנגענהייט הינטער זיך. די צוויי ווידערשפרע־כענדע באריכטען זיינען דערפאר נאך מעהר אינטערעסאנט, ווייל זיי ווייזען אונז די פארשידענע מיינונגען וואס מ'האט געהאט אין פארשי־דענע אידישע קרייזען וועגען דעם מאנארכישען רעזשים.

1) ערשטער באריכט.

די אידען זיינען געווען שטארק געדריקט פון די פלשתים. שאול, א יונגער, העלדישער מאן, א זוהן פון א לאנדאייגענטימער פון שבט בנימין, איז דעמאלט דורך א צופאל, זוכענדיג זיין פאטער'ס פארפאלענע אייזלען, געקומען אין א געוויסער געגענד אויפ'ן בארג אפרים. שאול האט זיך שוין מייאש געווען פון געפינען די אייזלען און ער וויל שוין געהן צוריק אהיים, נאר זיין קנעכט דערצעהלט איהם, אז אט דא ניט ווייט געפינט זיך א גאט'ס־מאן, וועלכער האט געהייסען שמואל און וועמען מ'האט גערופען „זעהער" („רואה"). אבער שוין א טאג פריהער האט יהוה געזאגט שמואל'ן, אז מארגען וועט קומען צו איהם א מאן פון בנימין, וועלכער וועט זיין פאסיג צו העלפען די אידען פון די פלשתים. שמואל זאלבט שאול'ן פאר א מלך און הייסט איהם ווארטען אויף דער ערשטער געלעגענהייט זיך צו שטעלען בראש פון דעם פאלק. די געלעגענהייט קומט דורך דער שטאדט יבש אין גלעד, וועלכע שאול באפרייט פון די עמונים. די אידען קומען דאן צוזאמען אין גלגל און רופען שאול'ן אויס אלס קעניג. ער דערפילט זיין הויפט־אויפגאבע אין א נצחון איבער די פלשתים ביי מכמש. אבער שוין פאר דער מלחמה געהט ער זיך פאנאנדער מיט שמואל'ן (אין גלגל, י"ג 8—14).

2) צווייטער באריכט.

שמואל איז געווען דער נביא און פיהרער פון גאנצען אידישען פאלק. ער האט צעשלאגען די פלשתים אין א שלאכט ביי „אבן העזר" *), אזוי אז זיי האבען מעהר ניט געוואגט צו קומען אין דעם גבול פון ישראל כל זמן שמואל האט געלעבט. די אידען האבען בכן גאר קיין גרונט ניט גע־

*) דערזעלביגער ארט וואס לויט דעם ערשטען באריכט זיינען די אידען דארטען צעשלאגען געווארען, פארגלייך שמואל א, ד 1 און ז 12.

האָט צו פאַרלאַנגען אַ מלך. זייער איינציגער מאָטיוו אין דעם איז געווען דאָס וואָס שמואל'ס זיהן זיינען ניט געגאַנגען אין זייער פאָטער'ס גוטע וועגען און האָבען גענומען שוחד אין משפט'ען. שמואל האָט זיך אויסגעדריקט געגען אַ מאָנאַרכי און ער האָט דערקלערט די עלטסטע פון ישראל, אַז מיט'ן גרינדען אַ קעניגטום נעמען זיי אויף זיך אַרויף אַ דעספּאָטיע און זיי פאַרלאָזען דערמיט זייער גאָט, וועלכער איז דער אמת'ער קעניג זייערער. יהוה אָבער זאָגט שמואל'ן, אַז ער זאָל זיי פאָרט נאָכגעבען און שמואל רופט דאַן צוזאַמען די אידען אין מצפה און וואַרפט אַ גורל, וועלכער פאַלט אויף שאול'ן. ער האַלט דאַן פאַר זיי אַ לאַנגע רעדע מיט מוסר, און ער זאָגט זיי, אַז צו אַלע זייערע ביז איצטיגע זינד האָבען זיי איצט נאָך אַ נייע זינד צוגעלעגט: דאָס בעטען אַ קעניג איבער זיך. און ער גיט זיי אַ שטרענגע אזהרה, אַז אויב זיי וועלען זיך אָפּקערען פון יהוה, וועלען און זיי, אי זייער קעניג אונטערגעהן. שמואל גיט דאַן איבער די פיהרערשאַפט צו ~~שמואל'ען~~ שפּעטער קומט ער צו איהם אין יהוה'ס נאָמען און הייסט איהם אויסראָטען עמלק'ן. שאול פיהרט ניט דורך פינקטליך דעם נביא'ס באַפעהל און שמואל טרעט עפענטליך אויף געגען איהם און פאַרדאַמט איהם. פון דאַן אָן זעהען זיי זיך מעהר ניט.

לאָמיר איצט פאַנאַנדערלעגען קורץ און קלאָר די הויפּט חילוקים, אין וועלכע די ביידע באַריכטען געהען זיך פאַנאַנדער.

1) לויט'ן ערשטען באַריכט: דאָס קעניגטום איז אַן אינסטיטוציע פון יהוה צום גליק פון ישראל; לויט'ן צווייטען באַריכט: דאָס קעניגטום איז פון לכתחילה אָן אַ זינד, אַן אָוועקקערונג פון גאָט.

2) לויט'ן ערשטען באַריכט: דער מאָטיוו פון דער איינפיהרונג פון אַ מאָנאַרכיע איז געווען דער דרוק מצד פון די פלשתים; לויט'ן צווייטען באַריכט האָט אַזאַ מאָטיוו ניט עקזיסטירט, וואָרים די פלשתים זיינען שוין לגמרי געווען צעשלאָגען דורך שמואל'ן.

3) לויט'ן ערשטען באַריכט איז שמואל אַ „זעהער", אַ טרעפער, מיט קיין נאַציאָנאַלער באַדייטונג. שאול גופא ווייסט גאָר ניט פון איהם נאָר ער הערט עס ערשט פון זיין קנעכט. שמואל'ס גאַנצע באַדייטונג באַשטעהט לויט דעם באַריכט נאָר דערין וואָס ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף שאול'ן און איהם אונטערגעגעבען מוט. לויט'ן צווייטען באַריכט איז שמואל פון אָנהויב אָן אַ נאַציאָנאַלע פיגור, אַ נביא און אַ פיהרער פון גאַנץ ישראל.

4) לויט דעם ערשטען באַריכט צערייסט זיך שאול מיט שמואל'ן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה געגען די פלשתים; לויט'ן צווייטען באַריכט — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה געגען עמלק.

5) לויט'ן ערשטען באריכט ווערט **דאָס קעניגטום געגרינדעט אין** גלגל; לויט'ן אנדערען באריכט — אין מצפּה.

עס איז לייכט איינצוזעהן, אז דער ערשטער באריכט האלט זיך נאָהנט צו די פאקטען און ער גיט זיי איבער אומפּאַרטייאיש. דער צווייטער באַריכט אָבער איז דורך און דורך אַ טענדענציעזער. דער שרייבער זוכט דאָ ניט צו דערצעהלען דעם אמת'ען גאַנג פון די געשעהענישען, נאָר ער זוכט ארויסצוברייגגען זיין פּאָליטיש־רעליגיעזע פילאָזאָפיע, וועלכע איז אנטי־מאָנארכיסטיש. ניט דער מלך, נאָר דער נביא דארף זיין דער פיהרער פון פאָלק. און אז מ'פּאָלגט גאָט איז דאן דער קעניג איבערהויפּט אַן איבעריגע זאַך.

דער ערשטער באריכט, האלטען די פאָרשער, איז דער עלטערער און ער איז פארפאסט געוואָרען אין דער מלוכה פון יהודה, וואו עס האָט געהערשט אַ גינסטיגע שטעלונג צום קעניגטום. דער צווייטער באריכט איז דער אינגערער און ער איז פארפאסט געוואָרען אין דער צפון־מלוכה פון ישראל, וואו פון אליהו'ן אָן איז **דער נביא געוואָרען דער זעלבּ־**שטענדיגער פיהרער פון פאָלק, אומאָפּהענגיג פון מלך און אויפטרעטענדיג עפענטליך געגען איהם. אין ישראל האָט דעמאָלט זיך ענטוויקעלט אַ שטאַרקע אנטי־מאָנארכיסטישע ריכטונג, וועלכע האָט געפונען איהר שארפסטען אויסדרוק און איהר קלערסטע באגרינדונג אין דעם נביא הושע.

אז דער צווייטער באריכט איז דורך און דורך אַ טענדענציעזער און מ'קאָן זיך אויף איהם לחלוטין ניט פארלאָזען, אין דעם איז קיין פּלוגתא ניטאָ. די פראגע איז נאָר אויף וויפיעל היסטאָריש ריכטיג דער ערשטער באריכט איז. אמת טאקע, אז ער האָט ניט קיין פּאָליטישע און רעליגיעזע פניות אין זיינע דערצעהלונגען, אָבער מ'טאָר ניט פארגעסען דעם כאַראַקטער פון זיין באריכט. ער גיט איבער פאָלקסטימליכע דערצעהלונגען, און מיר האָבען דעריבער אַ רעכט אָנצונעמען אלס ניט היסטאָריש מאנכע פאָלקסטימליכע שטריכען אין זיי. עס איז, למשל, ניט וואַרשיינליך, אז שמואל איז געווען ניט מעהר ווי אַ זעהער און טרעפער אין אַ געגענד אויפ'ן בארג אפרים, וועלכער פלעגט געבען זיינע וואָהרזאָגערייען פאר אַ פערטעל שקל אָדער אַ לעבעל ברויט און וועמען מ'האָט ארוים פון די גרעניצען פון יענער געגענד לגמרי ניט געוואוסט. וואָלט שמואל געווען ניט מעהר ווי דאָס, וואָלטען איהם גאָר אין זינען ניט געלעגען קיין נאַציאָנאַלע אינ־טערעסען און עס וואָלט איהם קיינמאָל ניט איינגעפאלען אזא זאַך ווי דערמוטיגען אַ העלדישען מאַן פון שבט בנימין זיך צו שטעלען בראש פונ'ם פאָלק. וויבאלד אז מיר מוזען אָננעמען אלס זיכער, אז שמואל האָט גע־האט אַ חלק אין דער גרינדונג פון דער מלוכה — ווארים דאָס גיט דאָך

דער ערשטער באריכט אויך צו — מוזען מיר שוין ממילא אננעמען, אז ער איז געווען פאראינטערעסירט אין נאציאנאלע ענינים און אז כאטש ער איז ניט געווען דער נאציאנאלער פיהרער, ווי דער צווייטער באריכט שטעלט איהם פאר, איז ער אויך ניט געווען דער אומבאדייטענדער זעהער, ווי דער ערשטער באריכט שילדערט איהם.

דער אנהויב פון דער נבואה ביי אידען.

מיט שמואל'ן איז פארבונדען ניט בלויז די גרינדונג פון דעם קעניג־טום, נאר אויך דער אנהויב פון דער נבואה ביי אידען *). שמואל גופא איז ניט געווען קיין נביא (לויט דעם עלטערען באריכט), נאר א „רואה" (א זעהער), און דער שרייבער לעגט צו זיינע א באמערקונג „אז וואס היינט איז א נביא פלעגט פארצייטען גערופען ווערען „רואה" (שמואל א, ט 9). עס הייסט: אין דער צייט פון דעם שרייבער איז דער „איש־אלהים" — דער מענש, אויף וועמען מ'האט געגלויבט, אז ער האט דירעקטע ידיעות פון דער גאטהייט — געווען דער נביא. אבער ער, דער שרייבער, געדענקט נאך די טראדיציע, אז אין שמואל'ס צייט האט מען דעם „איש אלהים" גערופען „רואה".

שמואל גופא איז בכן געווען א רואה, אבער פון דעמזעלביגען באריכט ווייסען מיר, אז אין זיין צייט זיינען שוין געווען נביאים. ווארים שאול, געהענדיג פון שמואל'ן, ווערט דארטען דערצעהלט, טרעפט א קאמפאניע נביאים (חבל נביאים).

וואס איז געווען דער חילוק צווישען א רואה און א נביא?

א רואה איז געווען א טרעפער, וועלכער האט געזעהן דורך אויסער־ליכע צייכענס. געווען פארצייטען ביי אידען, ווי ביי אלע אלטע פעלקער, א סך זארטען מכשפים און טרעפער. מ'פלעגט טרעפען לויט דעם גאנג פון די וואלקענס, לויט דעם פלוג פון דעם פויגעל, לויט דעם פאל פון דעם פייל פון בויגען. א גרויסע ראלע האט געשפילט דאס קוקען אין לעבער פון

---

*) משה איז אין דער עלטערער שיכט פון דער לעגענדע א כהן, ערשט שפע־טער, אומגעפעהר אין דער צייט פון אליהו און אלישע, ווען דער אמת'ער גייסטיגעה פיהרער פון פאלק איז געווארען דער נביא, האט די לעגענדע אויך איהם פארגע־שטעלט אלס נביא. די ווערטער „און עס איז מעהר ניט אויפגעשטאנען אין ישראל אזא נביא ווי משה" (דברים ל"ד 10) האבען געקאנט געזאגט ווערען נאר אין א צייט ווען עס זיינען שוין געווען א סך גרויסע נביאים ביי אידען. דער ביבלישער שריפטשטעלער זאגט דעריבער, אז אט די אלע גרויסע נביאים, א שטייגער נתן און אחיה, אליהו און אלישע, קומען קיינער ניט צו משה'ן.

דעם קרבן און אויך דאָס וואָס מ׳האָט געזעהן אין חלום אָדער אין א האַלב־וואַכענדיגען צושטאַנד ביי נאַכט.

אַנדערש איז אָבער געווען דער נביא אין דער אַלטער צייט. ער פלעגט ניט זעהן דורך אויסערליכע צייכענס, נאָר פון זיך אַליין ארויס, דורך עקסטאַז, און אין אַט דעם צושטאַנד, ווען ער איז געווען אויפגעציטערט ביז דעם סאַמע גרונט פון זיין האַרץ, האָט ער געזעהן, אָדער עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער זעהט די וועלט וואָס ליגט הינטער אונזערע חושים*).

אין שמואל׳ס צייט פלעגען ארומציהען איבער׳ן לאַנד קאָמפּאַניעס אַזעלכע עקסטאַטיקער מיט מוזיק פאַראויס, און זייער ווירקונג איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז פיעל וואָס פלעגען זיי באַגעגענען, פלעגען מיטגעריסען ווערען פון זייער עקסטאַז און פלעגען מיטגעהן מיט זיי. דאָס האָט אויך געטראָפען שאול׳ן (שמואל א, י). עס קאָן זיין, אַז די דאָזיגע נביאים פלעגען ארומציהען איבער׳ן לאַנד וועקענדיג דאָס פאָלק צו א הייליגען קריג פאַר יהוה געגען די פלשתים, אָבער זיכער איז מען ניט דערמיט. וואָס מ׳ווייסט אָבער יאָ אויף זיכער איז, אַז אַזעלכע עקסטאַטישע גאָט־זעהער האָבען פאַרצייטען אַלע פעלקער געהאַט. אין תנ״ך גופא ווערט שפּעטער אויך דערצעהלט פון נביאים פון בעל און נביאים פון דער אשרה. דער חילוק איז נאָר וואָס ביי אַלע פעלקער איז די נבואה געבליבען אין איהר עלטסטען פרימיטיווען צושטאַנד, בעת ביי די אידען האָט די נבואה זיך אנטוויקעלט אַלץ העכער און העכער ביז זי האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין די שריפט־נביאים. די אנטוויקלונג פון דער נבואה געהערט

שאול, זיין כאַראַקטער און זיין מלוכה.

שאול איז געווען אַן אויפגערעגטע נאַטור, געניייגט צום עקסטאַז, און ער איז דעריבער געווען דער פּאַסיגער מאַן פאַר דעם מאָמענט צו באַגייסטערען דאָס נידערגעשלאָגענע פאָלק. ער האָט צעשלאָגען די פעלקער

---

*) די אורשפּרינגליכע באַדייטונג פון דעם וואָרט „נביא“ איז ניט זיכער. מאַנכע פאָרשער, דרינגענדיג פון אשוריש־באַבילאָניש, פאַרטייטשען עס אַלס דער עקסטאַטיקער, דער הינגעריסענער. מאַנכע דערקלערען די באַדייטונג פון „נביא“, לויט שמות ב 1, אַלס דער פאַרשפּרעכער פון דער גאָטהייט, דער וואָס רעדט פון גאָט׳ס נאָמען. די אורשפּרינגליכע באַדייטונג פון דעם וואָרט איז דאָ אָבער בכלל ניט וויכטיג, ווייל די נבואה ביי די אידען האָט זיך כסדר אנטוויקעלט, און וואָס דער נביא איז געווען אין איין צייט, איז ער ניט געווען אין דער אַנדערער צייט.

אָבער ניט דאָ, נאָר שוין צו אַ שפּעטערער צייט, צו דער צייט פון דער געטיילטער מלוכה.
אין דרום און דרום־מזרח פון ארץ־ישראל, ער האָט אויך צעשלאָגען די פּלשתים אין איין שלאַכט (די איינציגע מלחמה, וועלכע איז באַשריבען געגנוי אין תנ"ך). די פּלשתים האָבען זיך אָבער דערנאָך ווידער פאַר־שטאַרקט, האָבען זיך מאָביליזירט אין עמק יזרעאל, און אין דער דאָזיגער שלאַכט האָבען שאול און זיינע זיהן פאַרלאָרען זייער לעבען.

פון שאול'ס לעבען און פון זיין מלוכה ווייסען מיר ווייניג. די טראַ־דיציע פונ'ם פאָלק איז געווען מעהר פאַראינטערעסירט אין זיין נאָכפאָל־גער, אין דוד'ן, איידער אין איהם. בכלל איז די פאָלקס־דערצעהלונג פאַר־אינטערעסירט אין דאָס פּערזענליכע און אין דראַמאַטיש־באַוועגטע סצע־נעס פון די גרויסע געשטאַלטען פון דער פאַרגאַנגענהייט. ווען די העלדען האָבען שוין אָבער דערגרייכט זייער ציל און זיי באַפעסטיגען זייער פּאָ־זיציע דורך שווערער, אָפט מאָנאָטאָנער ארבייט; ווען דער קעניג טרעט מעהר ניט אויף פּערזענליך, נאָר זיין ארמיי און זיינע בעאַמטע טוען דאָס מעהרסטע — פאַרלירט דאַן די פאָלקס־טראַדיציע איהר אינטערעס אין איהם.

עס זיינען אונז דערפאַר קיין ידיעות ניט געבליבען וועגען די גרעני־צען פון שאול'ס מלוכה און ווי ווייט זיין אויטאָריטעט איז אנערקענט גע־וואָרען פון די איבעריגע שבטים אויסער בנימין. באַלד ווי שאול ווערט אַ מלך הייבט דער ספר שמואל אָן צו דערצעהלען פון דעם קעניג'ס פאַר־העלטניש צו דוד'ן. עס קאָן אָבער ניט זיין, אז שאול האָט נאָך זיין נצחון איבער עמלק און די פּלשתים קיין אנדער זאַך ניט געטאָן ווי זיך געיאָגט נאָך דוד'ן.

אזוי אָבער ווי דער ספר שמואל איז אונזער איינציגער מקור פאַר דער געשיכטע פון יענער צייט, האָבען מיר קיין אנדער ברירה ניט ווי אריבער־געהן גלייך צו שאול'ס נאָכפאָלגער, צו דוד'ן.

דוד'ס יוגענד.

די מעשיות וועגען דוד'ס יוגענד זיינען אַ זאַמלונג פון מונדליכע געשיכטען און אַנעקדאָטען, מאַנכע פון זיי איבערדערצעהלט אין פאַרשי־דענע נוסחאות. זיי זיינען פאָלקסטימליכע דערצעהלונגען, אָבער אין תוך גענומען זיינען זיי היסטאָריש. בכלל זיינען די מעהרסטע באַריכטען וועגען דוד'ס מלוכה אָריגינעלע און ניט קיין איבערגעשריבענע אין גייסט פון אַ שפּעטערער צייט. פאַר אומהיסטאָריש דאַרף מען נאָר אָננעמען דוד'ס

זאלבונג דורך שמואל'ן (שמואל א, ט"ז) און די געשיכטע פון דוד און גלית *).

אָבער די געשיכטען פון דוד'ס יוגענד זוכען צו אידעאליזירען און פארשענערען דאָס לעבען און די אויפטואונגען פון דעם גרויסען גבור פון בית־לחם, און זיי גיבען דעריבער אלצדינג איבער בלשון גוזמא. עס איז דערפאר ניט אזוי לייכט ארויסצוקריגען דעם אמת'ן היסטאָרישען צוזאַמענהאנג פון אָט די אלע פאָלקסטימליכע מעשיות.

ארויסקלייבענדיג דאָס זיכערע און װאַרשיינליכע מוזען מיר זיך פאָרשטעלען דעם צוזאַמענהאַנג אומגעפעהר װי פאָלגט:

דוד, א זוהן פון א שעיך פון בית־לחם אין יהודה *), האָט באקומען פון שאול'ן א פארטרויטע שטעלע אין זיין הויף, פיליכט טאקע אלס מנגן. דאָרטען האָט ער געלערענט די קונסט פון מלחמה, איז געװאָרען צו ערפאָלגרייך, און שאול איז געװאָרען אייפערזיכטיג אויף איהם. ער האָט געמוזט צוליב דעם פארלאָזען דעם הויף אין גבעה און איז געװאָרען דער פיהרער פון אַ באנדע *), פון װעלכער די מעהרסטע זיינען געװען פון זיין אייגענער משפחה.

דער מדבר־יהודה, ביים מערב־ברעג פון ים־המלח איז געװען דער פאַסיגער אָרט פאר דעם. פון דאָרטען פלעגט דוד באפאלען אדום, עמלק און אנדערע נאָמאדישע שבטים. רייכע אייגענטימער פון נחלאות און פון סטאַדעס האָבען איהם געמוזט צאָהלען שוץ־געלט. די געשיכטע פון נבל איז א מערקווירדיגע לעבעדיגע אילוסטראַציע פון דוד'ס לעבען אין יענער צייט (שמואל א, כ"ה). פיליכט האָבען די שטעדט און דערפער אין יענער געגענד געצאָהלט דוד'ן טריבוט כדי ער זאָל זיי באשיצען פון די בעדואינער פון אדום (שמואל א, כ"ז 7—12).

װעגען שאול'ס רדיפות געגען דוד'ן איז שװער צו זאָגען װי װייט דאָס איז געגאַנגען. דאָס פאָלק האָט קענטיג שטארק ליב געהאַט די דאָזיגע מעשיות און האָט דעריבער דערצעהלט זעהר פיעל פון זיי און מאנכע אין מעהרערע נוסחאות. אָט אזוי האָבען מיר אין צוויי נוסחאות די מעשה

*) אין אן עלטערען באריכט (שמואל ב, כ"א 19) שטעהט, אז גלית איז גאָר גע'הרג'עט געװאָרען דורך אן אנדער אידישען העלד, אויך פון בית־לחם, מיט'ן נאָמען אלחנן.

*) בית־לחם איז דעמאָלט געװען דער צענטער פון שבט יהודה, װאָרים חברון האָט נאָך געהערט צום שבט כלב.

*) פונקט אזוי אויך איז יפתח געװען א פיהרער פון אַ באנדע אין גלעד און רזון בן־אלידע אין ארם (שופטים י"א 3; מלכים א, י"א 24).

ווענן דוד'ס גרויסמוטיגקייט (אין שמואל א, כ"ד און כ"ו), און אין פאר־שידענע װאריאַנטען װערט דערצעהלט די געשיכטע װי אזוי שאול האָט איהם שיער, שיער ניט געכאַפּט און ער איז אויף א װאונדערליכען אופן ניצול געװאָרען.

א װיכטיגע באַדייטונג האָט די שוין פריהער דערמאַנטע געשיכטע פון נבל. דורכ'ן הייראַטען נבל'ס פרוי אביגיל און דורכ'ן קריגען נבל'ס רייכען פארמעגען איז דוד געװאָרען א באַהעגטער מחותן מיט דעם אידי־שען אָדער לכל הפחות נאָהנט צו די אידען שטעהענדיגען שבט כלב.

סוף־כל־סוף אָבער איז דוד מיד געװאָרען פון זיין אומזיכערען לעבען אין מדבר יהודה און איז אריבער צו דעם פלשתי'שען קעניג אכיש פון גת. אכיש האָט איהם געװאָלט מאַכען פאַר דעם הויפט פון זיין לייב־געװאַרדיע, דוד אָבער האָט גע'פועל'ט, אז אכיש זאָל איהם געבען א באַזונדערען אָרט, און דוד קריגט פון אכיש'ן די שטאָדט צקלג אַלס א נחלה געשאַנקען פונ'ם קעניג.

אַט אזוי איז געשעהן א מערקווירדיגע זאַך: דוד, דער פּאָפּולערסטער און עהפּאָלגרייכסטער קעמפער געגען די פלשתים, איז אריבערגעגאַנגען צו די בלוטיגסטע פיינד פון די אידען. און די פלשתים זיינען אודאי געװעזען מלא שמחה און האָבען זיך געטראַכט, אז איצט זיינען זיי זיכער, אז דוד װעט שוין מעהר ניט קעמפען געגען זיי.

די פלשתים האָבען זיך באַלד מאָביליזירט צו א מלחמה געגען די אידען. עס קאָן גרייכער געמאָלט זיין, אז דוד'ס אריבערטריט צו אכיש'ן האָט געגעבען די פלשתים דעם מוט ארויסצוטרעטען איצט געגען די אידען. דוד האָט פארשפּראָכען אכיש'ן צו ערפילען זיין חוב אַלס װאַסאַל פון די פלשתים און זיי צו העלפען אין זייער מלחמה געגען די אידען. דוד האָט דאָ דורכגעמאַכט איינעם פון די קריטישסטע מאָמענטען אין זיין לעבען. ער איז שיער, שיער ניט געװאָרען אן עפענטליכער פאררעטער צו זיין פאָלק. אָבער אין דער לעצטער שעה איז געקומען די ישועה. אכיש'עס פירשטען האָבען ניט געטרויט דוד'ן און האָבען איהם געצװאונ־גען זיך צוריקצוציהען פון דער פלשתי'שער ארמיי. דוד האָט זיך צוריק־געקערט אהיים קיין צקלג. אָבער אַנקומענדיג דאָרטען אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער געפונען דעם אָרט פארברענט און אויסגערויבט פון די עמלקים. דוד האָט באַלד געכאַפּט די רויבער, זיי צעשלאָגען און פון דעם רויב װאָס ער האָט פון זיי געכאַפּט האָט ער געשיקט מתנות צו די שעיך'ס פון דעם נגב (שמואל א, ל 26—31).

שאול׳ס טראגישער סוף.

אונטערדעסען איז אין דעם טאָל קישון פאַר׳חתמ׳עט געוואָרען שאול׳ס גורל. די אידען זיינען אין גאנצען צעשלאָגען געוואָרען. שאול און זיינע דריי זיהן זיינען געפאלען טויט אויף דעם בארג גלבע. די פלשתים האָבען געפונען שאול׳ן טויט. זיין קאָפּ ווערט אָפּגעשניטען און אוועקגעשיקט אלס צייכען פון נצחון אין לאנד פון די פלשתים. דעם קערפּער האָבען די פלשתים אויפגעהאנגען צום שפּאָט אויף דעם שטאָדט מויער פון בית־שאן. די איינוואוינער פון יבש אין גלעד, די שטאָדט וואו שאול האָט באוויזען זיין ערשטע גבורה, געדענקען נאָך זייער אָמאָליגען העלפער און רעטער. זיי קומען ביינאכט, גנב׳נען אראָפּ דעם קערפּער און זיינען איהם מקבר ביי זיך אין יבש (שמואל א, ל״א).

אנרעגונגען צום שטודיום.

1) לייען דורך דעם ערשטען באריכט אין שמואל א וועגען דער גרינדונג פון דער מלוכה. דער דאָזיגער באריכט איז ענטהאלטען אין קאפּ. ט פון אנהויב ביז קאפּ. כ פסוק 17 און אין די קאפּיטלען י״א, י״ג, י״ד. דאן לייען דורך דעם צווייטען באריכט, וועלכער איז אנטהאלטען אין קאפּ. ז. פון פסוק 2 ביז׳ן סוף פון קאפּ. ח, און קאפּ. י פון פסוק 17 אָן און אין קאפּ. י״ב און ט״ו. די לעצטע 7 ווערטער אין פסוק 25 קאפּ. י און די פאָלגענדע צוויי לעצטע פסוקים פון זעלביגען קאפּיטעל דארפען שטעהן ביים ענדע פון קאפּ. י״ב, נאָר דער שפּעטערדיגער רעדאקטאָר, וועלכער האָט צוזאמענגעשריבען ביידע באריכטען אין איינעם, האָט איבערגעשטעלט די דאָזיגע פסוקים אין אן אנדער אָרט, כדי צו האָבען א שטיקעל אָרדנונג אין דעם ווידערשפּרעכענדען דאָפּעלטען באריכט. ער האָט נאָך צוגעשריבען אן אייגענע הוספה, די פסוקים 12, 13, 14 אין קאפּ. י״א, כדי אויסצוגלייכען דערמיט די סתירה פון דער דאָפּעלטער פּראָקלאמירונג פון דעם קעניגטום (לויט קאפּ. ז אין מ צ פּ ה און לויט קאפּ. י״א פסוק 15 אין ג ל ג ל). דער רעדאקטאָר האָט, הייסט עס, דערקלערט מיט זיין צוגעשריבענער הוספה, אז מ׳האָט געמוזט פּראָקלאמירען שאול׳ן צוויי מאָל אלס מלך, ווייל נאָך דער ערשטער פּראָקלאמירונג האָבען איהם ניט אלע געוואָלט אנערקענען.

אונטערשטרייך אין א תנ״ך די צוויי באריכטען און די הוספה פון דעם רעדאקטאָר מיט דריי פארשידענע פארבען, כדי זיי זאָלען זיך ווארפען בעסער אין אויג.

2) לייען איבער אין שמואל א די מעשיות פון דוד׳ס יוגענד און זעה וועלכע פון זיי ווערען איבערגע׳חזר׳ט מעהר ווי איין מאָל אין פארשידענע נוסחאות.

3) לייען איבער אויפמערקזאם שמואל א, כ"ז 8—11; ל 13, 14, 26—31. ווארים די דאזיגע שטעלען ווארפען א ליכט אויף די צושטענדען אינ'ם נגב אין יענער צייט.

ביבליאגראפיע:

די גרויסע אידישע נעשיכטע, צווייטער באנד, צוזאמענגעשטעלט פון חיים שוים, ז. 7—44.

צערנטע לעקציע.

דוד און שלמה.

אשבעל.

נאך שאול'ס טויט זיינען די אידען ווידער אונטעריאכט געווארען אונטער די פלשתים. עס ווייזט אבער אויס, אז די פלשתים האבען ניט געוואלט אדער ניט געקאנט אויסנוצען אין גאנצען זייער נצחון. זיי האבען דעריבער געלאזען שאול'ס גענעראל אבנר'ן אויסרופען שאול'ס געבליבענעם זוהן אשבעל*) אלס קעניג פון ישראל, — נאטירליך אלס אונטערווארפענעם וואסאל פון די פלשתים, — אבער ניט אין שאול'ס שטאדט גבעה, נאר אין מחנים, אין עבר־הירדן.

דוד און דער „נגב".

דוד, ווערט דערצעהלט אין ערשטען קאפ. פון שמואל ב, האט אין א ריהרענדען קלאג־ליד באקלאגט דעם טויט פון שאול און יהונתן. אבער זיין טיפער טרויער האט איהם ניט געהינדערט צו מאכען זיינע ערשטע טריט אויף דעם וועג פון זיין אמביציע.

מיר האבען שוין אויבען דערמאנט די מתנות וואס דוד האט געשיקט — פון דעם רויב וואס ער האט געכאפט פון די עמלקים — צו די שעיך'ס (זקנים) פונ'ם נגב. עס קאן גרייליך זיין, אז דאס איז פארגעקומען שוין נאך שאול'ס טויט און אז די מתנות האבען געהאט דיזעלביגע באדייטונג ווי די ברכות וואס ער האט געשיקט צו די איינוואוינער פון יבש גלעד (שמואל ב, א 5—7). דוד האט דא אנגעווענדעט פארשידענע מיטלען צו קריגען אנהענגער אין פארשידענע קרייזען און געגענדען.

און די שעיך'ס פון דעם נגב, די „זקני יהודה", האבען זיך מאכע

---

*) שפעטערע איבערשרייבער פון תנ"ך האבען געענדערט די ענדונג „בעל" אין „בשת" די אלטע פארם פונ'ם נאמען געפינט זיך נאך אין דברי הימים א, ח 33; ט 39.

באלד פארזאמעלט אין חברון און האבען געזאלבט דוד'ן אלס קעניג פון יהודה. עס קאן זיין, אז זיי זיינען געווען אומצופרידען מיט שאול'ס רעזשים און מיט זיינע רדיפות געגען דוד'ס משפחה. דערצו איז זייער געגענד געבליבען איצט אפען פאר די פלשתים; אשבעל און אבנר האבען ווינציג וואס געקאנט טאן פאר זיי. די אידען פון דעם דרום האבען דערפאר געמוזט זיך אליין העלפען און האבען אנגענומען דוד'ס אנבאט צו ווערען זייער פיהרער און באשיצער. ערשטענס איז ער געווען פון זייער אייגענער געגענד. דערצו איז ער געווען, נאך זיין הייראט מיט אביגיל, א רייכער לאנד־אייגענטימער אין כלב. און ועל כולם איז ער דאך געווען, אלס וואסאל פון די פלשתים, זעהר גוט אויפגעטראגען מיט זיי. און טאמער רייסט ער זיך איין מיט זיי, טא ווער איז נאך געווען אזוי פאפולער אלס קעמפער געגען די פלשתים ווי דוד?

די פלשתים ווידער איז ניחא געווען צו האבען צוויי אידישע וואסאל־מלכים, וועלכע רייסען זיך תמיד ארום. כל זמן די אידען זיינען ניט פאר־אייניגט, האבען די פלשתים משמעות געטראכט, וועלען זיי געגען אונז ניט ווידערשפעניגען.

דוד אלס קעניג פון יהודה.

דוד האט געמאכט יהודה פאר א גרויסען, שטארקען שבט. ביז דוד'ן איז יהודה, ווייזט אויס, באשטאנען פון בית־לחם און דער אומגעגענד*). דוד האט אבער פאראייניגט אין איין גרויסען שבט אלע משפחות און קלאנס פון דעם נ ג ב, ווי למשל: כלב, ירחמאל, קין, קנז*).

מיט דוד'ן אלס קעניג איבער'ן גאנצען „נגב" טרעט דער שבט יהודה איצט אריין אין פאדערגרונט פון עפענטליכען אידישען לעבען. ארום 200 יאהר איז דער צענטער פון אידישען פאלק געווען דער בארג אפרים. יהודה איז געווען אפגעשניטען פון דעם איבעריגען פאלק*). ערשט שאול האט אנגעקניפט מיט דעם דרום דורך דעם וואס ער האט אויך יהודה געשיצט פון די פלשתים. אבער נאך אלץ איז יבוס געווען א מחיצה צווישען בנימין און יהודה.

דוד האט זיך באזעצט אין חברון, די הויפשטאדט פון כ ל ב, און

---

*) פארגלייך, למשל, שופטים י"ז 7.

*) מאנכע פון די דאזיגע משפחות זיינען געווען האלבע אדומים, האלבע אידען, ווי, למשל, קנז, וועלכע ווערט גערעכענט אפט אלס טייל פון יהודה און ווערט אויך געצעהלט צווישען די קינדער פון עשו (בראשית ל"ו 11, 15, 42).

*) זעה אין דער זיבעטער לעקציע אויף ז. 5.

האָט דאַרטען געקיניגט זיבען און א האַלב יאָהר אַלס מלך פון יהודה. די דאָזיגע יאָהרען זיינען געווען א צייט פון בירגער־קריג צווישען דוד'ס צד און דעם צד פון שאול'ס הויז, ווי דער ביבלישער שריפטשטעלער דריקט זיך אויס קורץ: „און די מלחמה איז געווען לאַנג צווישען דעם הויז פון שאול און דעם הויז פון דוד, און דוד איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שאול'ס הויז אַלץ שוואַכער און שוואַכער" (שמואל ב, ג 1).

און עס האָט טאַקע לאַנג נים געדויערט, און שאול'ס הויז איז אין גאַנצען צוזאַמענגעפאַלען. אשבעל האָט זיך צעריסען מיט אבנר'ן. אבנר איז געפאַלען דורך יואב'ס שווערד. אשבעל איז געטויט געוואָרען ליגענדיג אויף זיין געלעגער ביי זיך אין הויז. די פּאַרטיי פון שאול'ס הויז איז געבליבען אָהן א פיהרער, און די פאַרשטעהער פון די שבטים פון צפון זיינען געקומען צו דער איינזעהעניש, אז דער איינציגער, וועלכער איז בכוח צו מאַכען די אידען פאַר א פריי פאָלק אין זייער לאַנד, איז דוד. זיי זיינען דעריבער געקומען צו דוד'ן אין חברון און האָבען איהם אנערקענט אַלס קעניג פון גאַנץ ישראל.

דוד מלך ישראל.

מיר קומען דאָ צו די דריי גרעסטע געשעהענישען אין דוד'ס לעבען, און זייער סדר איז פאָלגענדער:

1) דוד ווערט געזאַלבט אַלס קעניג פון גאַנץ ישראל.

2) ער צעשלאָגט די פלשתים און באַפרייט די אידען פון זייער יאָך.

3) ער עראָבערט יבוס־ירושלים און מאַכט זי פאַר דער הויפּטשטאָדט פון דער אידישער מלוכה.

באַלד, שטעהט עס, ווי די פלשתים האָבען דערהערט, אז מ'האָט געזאַלבט דוד'ן פאַר א מלך איבער ישראל, זיינען זיי געקומען איהם זוכען (שמואל ב, ה 17). און דאָ קומט דוד'ס גרויסער אויפטו און גרעסטער פאַרדינסט פאַר דאָס אידישע פאָלק: זיין נצחון איבער די פלשתים. זיי זיינען פון דוד'ן אזוי גרינטליך צעשלאָגען געוואָרען, אז זיי האָבען געמוזט אַנערקענען די אידישע הערשאַפט איבער דאָס גאַנצע לאַנד.

עס איז אָבער מערקווירדיג, אז וועגען אָט דעם גרעסטען אויפטו דוד'ס האָבען מיר אין תנ"ך בלויז איניגע צוואָרפענע נאָטיצען און אַנעקדאָטען (שמואל ב, ה 17—25; ח 1; כ"א 15—22; כ"ג 9—17), אזוי אז מיר ווייסען פאַקטיש גאָרנישט ווי אזוי און מיט וועלכע מיטלען דוד האָט אָפּגעהאַלטען זיינע נצחונות איבער אָט דעם מעכטיגסטען פיינד פון ישראל, נצחונות וואָס די אידען האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט דוד'ן פאַרגעסען (שמואל ב, י"ט 10).

נאָכדעם ווי דוד האָט שוין געהאַט געמאַכט די פּלשתים פאַר זיינע אונטערטאַנען, האָט ער עראָבערט די פעסטונג יבוס־ירושלים פון די כנענים און האָט זי געמאַכט פאַר זיין הויפּטשטאָדט. חברון, אין צענטער פון יהודה, האָט קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן די הויפּטשטאָדט פון גאַנץ ישראל. ירושלים אָבער, אויפ׳ן גרעניץ צווישן יהודה און בנימין, איז געווען דער פּאַסיגסטער אָרט פאַר א רעזידענץ פון דער פאַראייניגטער אידישער מלוכה. די דאָזיגע טאַט דוד׳ס האָט געהאַט א געוואַלדיגע באַדייטונג פאַר זיין צייט און פאַר אַלע קומענדיגע דורות. וואָרים מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלען דעם גאַנצען קיום פון אידישען פאָלק אָהן דוד׳ן און ירושלים אַלס זיינע צוויי נאַציאָנאַלע סימבאָלען, אַלס די צוויי צענטראַלע פּונקטען אין דעם אידישען משיח־גלויבען.

דוד האָט אָבער געוואָלט מאַכען ירושלים ניט בלויז פאַר דעם פּאָליטישען, נאָר אויך פאַר דעם רעליגיעזען צענטער פון אידישען פאָלק. צו דעם צוועק האָט ער געבראַכט קיין ירושלים דאָס עלטסטע אידישע הייליגטום, דעם ארון, וואָס די אידען האָבען פאַרנאַכלעסיגט זינט ער איז אריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט ביי די פּלשתים.

דוד איז נאָך אָבער אַלץ ניט צופרידען געווען מיט דער מאַכט וואָס די אידען האָבען באַזעסען. ער עראָבערט די העברעאישע פעלקער אין דרום און אין דרום־מזרח פון פּאַלעסטינא (אדום, עמון און מואב) און זעצט דאָרטען אריין אידישע גובערנאַטאָרען. אין זיין מלחמה געגען עמון מוז דוד זיך שטעלען געגען אראַמעאישע מלוכות פון סיריען, וועלכע זיינען געקומען די עמונים צו הילף. דוד׳ס חיל, אונטער דער קאָמאַנדע פון זיינע צוויי גענעראַלען, זיינע פּלעמעניקעס יואב און אבישי, צעשלאָגט די עמונים און די אראַמעער מיט איינמאָל. דוד׳ס הערשאַפט שפּרייט זיך אויס איבער דעם גאַנצען עבר־הירדן און איבער דרום סיריען. די אידען באַהערשען איצט אן אימפּעריע, און דוד איז און בלייבט זייער גרויסער גבור און קעניג, וועלכער האָט זיי געמאַכט פאַר א מעכטיג פאָלק אין פּאָדעראַזיען.

דוד׳ס פאַמיליען־געשיכטע

בעת פון דוד׳ס גרעסטע פּאָליטישע אויפטואונגען האָבען מיר מעהר ניט ווי קורצע נאָטיצען, איז אונז געבליבען אין תנ״ך א גרויס ווערק, א פאַרצווייגטע דערצעהלונג וועגען דוד׳ס פאַמיליע, וועלכע הייבט זיך אָן ווי דוד נעמט אריין צו זיך יהונתן׳ס זוהן מפיבשת (מפיבעל) און ענדיגט זיך מיט דעם אויפשטאַנד פון שבע בן־בכרי. די דאָזיגע פאַמיליען־געשיכטע דוד׳ס איז, אין היפּוך צו אַלע אנדערע באַריכטען וועגען דוד׳ן, געשריבען

זעהר זאכליך, אָהן גוזמא, ניט זוכענדיג צו אידעאליזירען און צו פארדע־קען קיין זאך. דער מחבר, קענטיג איינער פון דוד'ס קרייז, קען גענוי מיט אלע פרטים דאָס אינערליכע לעבען פון דוד'ס פאלאץ, און ער שילדערט אלצדינג אזוי לעבעדיג ווי נאָר איינער קאָן שילדערען, וועלכער האָט דאָס אליין געזעהן מיט די אויגען. ער האָט ליב דוד'ן, דאָס קאָן מען לייכט זעהן, אָבער דאָס הינדערט איהם לחלוטין ניט צו דערצעהלען דעם גאנצען אמת. דוד'ס פאמיליען געשיכטע ווערט דעריבער היינט באטראכט אלס איינס פון די גרעסטע ליטעראַרישע מאָנומענטען פון אלטערטום. דאָס ווערק, נעמען די פאָרשער אָן, איז פארפאסט געוואָרען ניט לאַנג נאָך דוד'ס טויט, און מאנכע פאָרשער באהויפּטען, אז דער פארפאסער איז געוועזן אביתר הכהן, וואָרים פון דוד'ס סביבה איז ער געוועזן די פאסיגסטע פערזאָן פאר דעם.

דוד אין שאול'ס הויז.

אין שמואל ב ווערען דערצעהלט צווי עפּיזאָדען פון דוד'ס באציהונ־גען צו שאול'ס הויז. אין איין עפּיזאָד, א שוידערליכער, ווערט דערצעהלט ווי אזוי דוד האָט איבערגעגעבען שאול'ס זיבען זיהן און אייניקלעך אין די הענט פון די גבעונים, וועלכע האָבען זיי „הינגעריכטעט פאר יהוה" אלס נקמה אָן שאול'ן, וואָרים שאול האָט אויסגע'הרג'עט א סך גבעונים (שמואל ב, כ"א). אין דעם צווייטען עפּיזאָד רעדט זיך פון דוד'ס פריינד־ליכקייט וואָס ער האָט באוויזען צו יהונתן'ס פארקריפּעלטען זוהן מפיבעל *). מאנכע היסטאָריקער מיט אן אנטיפּאטיע צו דוד'ן, טייטשען עס אוים פּשוט, אז דוד, ווי אלע מלכים אין יענער צייט, האָט אויסגעראָט די פאמיליע פון דעם פריהערדיגען קעניג און האָט איבערגעלאָזען בלויז דעם קריפּעל מפיבעל, פאר וועמען ער האָט ניט באדארפט מורא האָבען, אז ער זאָל ווען ניט איז מאכען פּרעטענזיעס אויף דעם טראָן. אנדערע היסטאָריקער ווידער, מיט א ליבע צו דוד'ן, נעמען אראָפּ אלע אחריות פון איהם פאר דעם אונטערגאנג פון שאול'ס הויז. ארויסזאָגען אן אנטשיי־דונג וועגען דעם איז ניט מעגליך.

דוד'ס רעגירונג.

דוד האָט באגרינדעט די אידישע מיליטערישע מאכט. זיין פלעמעניק יואב איז געוועזן דער אויבער־גענעראל פון דעם מאָביליזירטען חיל. דערצו

*) איבערגעלעגט שפּעטער אויף מפיבשת. זעה די באמערקונג אויבען אויף זייט 18.

האָט דוד געהאַט אַ לייב־גוואַרדיע, די „כרתי ופלתי", וואָס זייער קאָמאַנדיר איז געווען בניהו בן־יהוידע. אַ חוץ דעם וועלען נאָך דערמאָנט דרייסיק גבורים מיט דריי אין דער שפּיץ (שמואל ב, כ"ג). עס ווערן נאָך אויך דערמאָנט 600 מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון אתי הגתי (עס הייסט אַ פּלשתי, פון דעם שטאָדט גת).

דוד האָט ניט געלעבט אויף זיין טאַטעס נחלה, ווי שאול, נאָר ער האָט אויסגעבויט, מיט דער הילף פון פעניקישע מייסטערס, אַ פּאַלאַץ פון צעדערהאָלץ אויפ'ן באַרג ציון. ער האָט אויך געהאַט אַ גאַנצע רייהע באַ־אַמטע אין זיין הויף: אַ זעהער (חוזה), גד; צוויי כהנים, צדוק און אביתר; אַן אויבערגענעראַל, יואב; אַ מזכיר און אַ סופר, קענטיג אַ קאַנצלער און אַ שרייבער; אַ ראַטגעבער (יועץ), איינעם מיט'ן טיטעל „דעם קעניג'ס פריינד" (רעה המלך) און אַ באַאַמטען איבער די געצוואונגענע אַרבייטער, קענטיג איבער די קריגס־געפאַנגענע (שר המס). עס האָבען זיך אויך גע־פונען אין דוד'ס הויף, ווי אין אַלע קעניגליכע הויפען, פאַוואָריטען פון דעם קעניג, וועלכע האָבען געגעסען ביי זיין טיש (אוכלי שלחן המלך). פון איין שטעל אין תנ"ך ווייזט אויס, אַז דוד האָט אויך געהאַלטען אין זיין הויף זינגערס און זינגערקעס (שמואל ב, י"ט 36).

דוד'ס טויט און שלמה'ס טראָן־באַשטייגונג.

נאָכדעם ווי ער האָט אונטערדריקט די אויפשטאַנדען פון זיין זוהן אבשלום און פון שבע בן־בכרי פון בנימין טרעט דוד אַראָפּ פון דער סצענע פאַר דער היסטאָריע. מיר טרעפען איהם דערנאָך אַלס מידען גרייז־גראָהען מאַן אין די הענט פון אַ הויף־קליקע.

אין דוד'ס לעצטע טעג האָט דער הויף זיך צעטיילט אין צוויי פּאַר־טייען,ביידע משמעות מיט אַ שטאַרקער אַנהענגערשאַפט. איין פּאַרטיי האָט געוואָלט פאַר אַ נאָכפאָלגער אויפ'ן טראָן דעם לויט'ן עלטער געזעצלי־כען יורש אדוניהו בן־חגית; אין איהר שפּיץ זיינען געשטאַנען יואב און אביתר. די אַנדערע פּאַרטיי האָט געוואָלט שלמה'ן פאַר אַ נאָכפאָלגער און איהרע אָנפיהרער זיינען געווען שלמה'ס מוטער בת־שבע, שלמה'ס ערציהער נתן הנביא, דערצו צדוק און בניהו.

שלמה'ס צד האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט צו וואַרטען ביז דוד'ס טויט. בת־שבע און נתן האָבען דעריבער דערמאָנט דעם אַלטען, קראַנקען קעניג, אַז ער האָט כלומר'שט אַמאָל פאַרשפּראָכען בת־שבע'ן, אַז איהר זוהן וועט קיניגען נאָך איהם. זיי דערצעהלען איהם, אַז אדוניה האָט, ווי אַמאָל זיין עלטערער ברודער אבשלום אין חברון, געמאַכט אַ הולאַנקע פאַר זיינע אַנהענגער און אַז אַט, אַט רופט מען איהם אויס אַלס קעניג. זיי פועל'ען

דעריבער ביי דוד'ן, אַז שלמה זאָל תיכּף געזאלבט ווערען אויף זיין באַפעהל און מיט גרויס פּאַראַד אלס קעניג פון ישראל. דערמיט זיינען זיי אדוניה'ן פאַרלאָפען דעם וועג.

דוד שטאַרבט באַלד. שלמה לאָזט הינריכטען זיינע הויפּט-געגנער*) און ער בלייבט דער אומבאַשטריטענער מלך פון ישראל.

דער לעגענדאַרישער און דער היסטאָרישער שלמה.

שלמה איז געוואָרען אַ לעגענדאַרישע פיגור. בעת אָבער ביי אַנדערע לעגענדאַרישע פיגורען פון דער ביבעל האָבען מיר גרויס שוועריקייט אַרויסצוקריגען דעם היסטאָרישען תוך פון דער לעגענדע וואָס האָט איהם אַרומגעוויקעלט, שטעהען דער לעגענדאַרישער און דער היסטאָרישער שלמה זייט ביי זייט אין ספר מלכים, כמעט אין גאַנצען אָפּגעזונדערט, אַזוי אַז יעדער איינער קאָן גרינג דערקענען אין יעדער מעשה און אין יעדען באַריכט צי דאָס געהערט צו שלמה'ס לעגענדע אָדער צו שלמה'ס היסטאָריע.

דער לעגענדאַרישער שלמה.

אין שלמה'ס צייט האָט געהערשט פרידען אומעטום ארום. שלמה האָט געקיניגט איבער אַלע מלוכות פון דעם טייך פּרת ביז מצרים. אַלע מלכים פון דער וועלט האָבען געדינט שלמה'ן און איהם געבראַכט געשאַנקען, ניט אויס מורא פאַר איהם, נאָר כּדי צו הערען זיין גרויסע חכמה, פון וועלכער עס האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. די אידען האָבען דעריבער ניט געוואוסט פון קיין שום צרות אין זיין צייט. זיי זיינען געווען פיעל ווי די זאַמד ביים ברעג ים, זיינען געזעסען אונטער וויינשטאָקען און פייגענבוימער און האָבען געגעסען און געטרונקען און זיך געפרעהט (מלכים א, ד 19 — ה 14).

כּדי זיך צו איבערצייגען, אַז די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז ניט מעהר ווי אַ לעגענדע, דאַרף מען בלויז איבערלייענען די ווערטער וואָס די

*) אַ שפּעטערער איבערשרייבער פון שלמה'ס געשיכטע אין ספר מלכים האָט, ווייזט אויס, צוגעשריבען אַז די הינריכטונגען זיינען צו דוד'ס אַ צוואה. עס לעגט זיך אָבער שווער אויפ'ן שכל, אַז אין זיינע לעצטע מינוטען זאָל ניט האָבען געלעגען דוד'ן קיין אַנדער זאַך אין זינען ווי אָנצוזאָגען זיין זוהן אַזאַ בלוטיגע צוואה. גיכער איז דאָס צוגעשריבען פון דעם איבערשרייבער, כּדי ריינצוּוואַשען שלמה'ן, דעם בויער פון בית-המקדש.

אידישע דעלעגאַציע זאָגט צו שלמה'ס זוהן רחבעם אין שכם: „דיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אונזער יאָך און מאַך דו איצט לייכטער דיין פאָטער'ס שווערען דינסט און זיין שווערען יאָך וואָס ער האָט ארויפגעטאָן אויף אונז, וועלען מיר דיר דינען" (מלכים א, י"ב 4).

די אויסערליכע לאַגע.

שלמה האָט לחלוטין ניט געהאַט קיין „פרידען פון אלע זייטען ארום". וואָרים מיר לייענען א באריכט, אז צוויי פון זיינע וואַסאַלען, הדד פון אדום און רזון בן־אלידע פון דמשק האָבען זיך אָפגעריסען פון איהם און זיך דערקלערט אומאָפּהענגיג *). און עס איז דאָך זעלבסטפארשטענדליך, אז שלמה האָט מיט זיין גוטען ווילען זיי ניט געלאָזט זיך אָפרייסען פון זיין אימפעריע, נאָר ער האָט מסתמא געפיהרט מלחמות געגען זיי און איז צעשלאָגען געוואָרען.

א שווערע זאַך וואָס איז ביז היינט נאָך ניט דערקלערט געוואָרען איז שלמה'ס פארהעלטעניש צו פרעה מלך מצרים. אַט דערזעלביגער עגיפּ־טישער קעניג, וועלכער האָט געשטיצט הדד'ן, דעם פרינץ פון אדום, און איהם געגעבען אן עגיפּטישע פרינצעסין פאַר א פרוי, האָט זיך אויך מיט שלמה'ן מתחתן געווען.

אָבער ניט דאָס איז נאָך דער עיקר. די הויפּטשוועריגקייט ליגט אין דעם באריכט, אז פרעה איז געקומען און האָט איינגענומען די כנעני'שע שטאָדט ג ז ר און זי אוועקגעגעבען צו זיין טאָכטער, שלמה'ס פרוי (מלכים א, ט 16). וואָס אן עגיפּטישע ארמיי האָט געהאַט צו טאָן אין ארץ ישראל אין שלמה'ס צייט און ווי דאָס קומט, אז שלמה האָט געמוזט אָנקומען צו פרעה'ס הילף איינצונעמען ג ז ר — דאָס איז א זאַך וואָס האָט ביז היינט נאָך ניט געפונען קיין צופרידענשטעלענדע דערקלערונג.

ארום און ארום מוז מען אָננעמען, אז שלמה'ס פּאָליטישע מאַכט איז געווען א סך שוואַכער ווי דוד'ס און אז ער האָט קוים נאָר אויפגעהאַלטען די ירושה וואָס איז איהם פון זיין טאַטען געבליבען.

די אינערליכע לאַגע.

שלמה, מוז מען צוגעבען, האָט אויפגעטאָן א סך זאכען אין פיהרען די אידען אויפ'ן וועג פון א העכערער ציוויליזאציע. ער האָט געבויט פעסטונ־

*) מלכים א, י"א 14—25. אין פסוק 25 דאַרף מען לייענען לויט דער גרי־כישער ביבעל, דער תרגום השבעים, „וישב אל ארצו וזאת הרעה אשר עשה הדד ויקץ בישראל וימלך על אדום". דאָס איז דער המשך צו פסוק 22.

גען אינ'ם לאנד און האט ארייננעשטעלט קאוואלעריע אין א סך גארניזאן־שטעדט. ווען דוד האט געכאפט פערד אלס רויב אין מלחמה, האט ער זיי פארקריפעלט, מחמת ער האט פון זיי קיין נוצען ניט געהאט. שלמה אבער האט דער ערשטער אייננעפיהרט פערד ביי די אידען, נאטירליך לכתחילה בלויז פאר מלחמה־צוועקען. שלמה האט אויך אייננעפיהרט האנדעל. ער האט אליין אימפארטירט פערד*). דער מקור פאר פערד איז דעמאלט געוועזען סיריען. שלמה האט, ווייזט אויס, מאנאפאליזירט דעם אימפארט פון פערד קיין עגיפטען און אראביען און דערפון געהאט א גרויסע הכנסה. ער האט אויך געלאזט בויען שיפען אין דעם האפען א י ל ת ביים רויטען ים — נאטירליך דורך פעניקישע מייסטערס — און זיי געשיקט אין אופיר, א לאנד אין דרום־אראביען, וואס איז געוועזען רייך אין גאלד. סוחרים פון פרעמדע לענדער זיינען געקומען אין ארץ ישראל. די אידען האבען אויף אזא'ן אופן זיך דערוואוסט דעמאלט פון א סך נייע זאכען, מאטעריעלע און גייסטיגע. א שטראם פון רייכקייט און מאטעריעלער ציוויליזאציע האט זיך ארייננעגאסען אינ'ם לאנד. שלמה גופא האט אזויפיעל גאלד גע־האט, אז ער האט זיך פארגונען צו מאכען גאלדענע פאנצערס פאר זיינע גווארדייצעס. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואס מ'האט שפעטער זיך דערצעהלט אלערליי מעשיות פון די פלאי־פלאים, פון דער עשירות און דער פראכט, פון די מלכים און מלכות, וואס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל אין שלמה'ס צייט.

שלמה'ס אדמיניסטראציע.

שלמה האט געוואלט, אז די אידען זאלען זיין א פאראייניגט פאלק, ניט א פעדעראציע פון שבטים. ער האט צו דעם צוועק געשאפען א לאקאלע אדמיניסטראציע אינ'ם לאנד. ער האט אייננעטיילט זיין גאנצע מלוכה אין 12 ראיאנען, און אין יעדען ראיאן האט ער ארייננעזעצט א גובערנא־טאר. איבער אלע גובערנאטארען האט ער אייננעזעצט א גענעראל־גובער־נאטאר, א מין אינערליכען מיניסטער, („על הנצבים") (מלכים א, ד 5). יעדערער פון די 12 גובערנאטארען האט געמוזט אויסהאלטען דעם קעניג און זיין הויף איין חודש אין יאהר. און שלמה'ס הויף איז געוועזען א סך גרעסער און גלענצענדער ווי דוד'ס, אזוי אז ער האט אייננעפיהרט א נייעם אמט פון א הויף־מיניסטער („על הבית", אין זעלבינען קאפיטעל פסוק 6).

---

*) אויך מאנכע מלכים פון עגיפטען און באבילאניען האבען געפיהרט האנדעל אויפ'ן אייגענעם חשבון.

שלמה'ס שוואכקייטען.

דוד האט געהאט אין זיך בלויז מאנכע דעספאטישע שטריכען, שלמה אבער איז געווען א דעספאט דורך און דורך. ווי אלע דעספאטען פון מזרח האט ער געהאט א מאניע פאר ווייבער, רייכקייט און בנינים. כדי אויסצופיהרען זיינע גראנדיעזע בנינים האט ער געמאכט א פריזיוו און האט גענומען 30 טויזענד אידען צו געצוואונגענער ארבייט (מלכים א, ה 27, 28).

די אידען, וועלכע זיינען אט דא ניט לאנג נאך געווען פרייע שבטים, האבען געקריצט מיט די צייהן און ניט געוואלט טראגען דעם שווערען יאך וואס דוד'ס הויז האט אויף זיי ארויפגעלעגט. נאך ביי שלמה'ס לעבען האט מען פרובירט מאכען אן אויפשטאנד אונטער דער אנפיהרונג פון א מאן פון שבט אפרים, ירבעם בן־נבט. דער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געווארען, ירבעם איז אנטלאפען אין מצרים, אבער ווען שלמה איז געשטארבען האט זיין דעספאטישער רעזשים געפיהרט צו דער צעשפאלטונג פון דער גרויסער מלוכה, וועלכע דוד האט אויסגעבויט.

דער בית־המקדש.

אבער דוקא שלמה'ס מאניע פאר פרעכטיגע בנינים האט געבראכט דערצו, אז ער זאל ווערען אן אומשטערבליכע לעגענדארישע פיגור אין דער געשיכטע. ווארים צווישען פארשידענע אנדערע בנינים האט ער אויך געבויט א טעמפעל פאר יהוה. אט דער בנין איז, ניט מיט זיין בונה, געווען, אדער בעסער איז געווארען זיין גרעסטער פארדינסט פאר זיין פאלק.

פון שלמה'ס אלע בנינים ווערט בלויז דער בית־המקדש באריכות באשריבען. פון פאלאץ ווערען בלויז באשריבען די דריי פאדערשטע זאלען: (1) דאס הויז פון צעדער־זיילען („בית יער הלבנון"), קענטיג א קאלאנאדע פאר אלגעמיינע פארזאמלונגען; (2) דער זאל פון די זיילען („אולם העמודים") קענטיג א מין ווארטע־צימער; (3) זאל פון טראן אדער זאל פון משפט („אולם הכסא", „אולם המשפט"), וואו דער קעניג זיצענדיג אויף זיין פרעכטיגען טראן פלעגט ארויסגעבען א משפט אין פאלען וואו מ'פלעגט אפעלירען צו איהם אלס צום העכסטען שופט פון פאלק. דער בית־המקדש ווערט באשריבען אינעווייניג מיט אלע פרטים און דער פאלאץ בלויז אויסערליך, ווייל, ווי עס ווייזט אויס, איז דער שרייבער פון דעם באריכט אין ספר מלכים געווען א איד פון פאלק, וועלכער האט ניט געהאט קיין צוטריט צום פאלאץ און האט קיינמאל ניט געהאט די געלעגענהייט צו זעהן ווי ער זעהט אויס אינעווייניג.

שלמה'ס בית־המקדש איז ניט געווען ד א ס הייליגטום, ווי די טראדיציע נעמט אן, נאר א הייליגטום, א ניי הייליגטום צווישען א סך

עלטערער הייליגע ערטער, וועלכע זיינען פון הונדערטער יאָהרען שוין געוועזען הייליג און זיינען שוין געוועזען פארבונדען אין דער טראַדיציע פון פאָלק מיט די אבות; ווי למשל: באר־שבע, חברון, בית־אל, שכם. אז פאַר שלמה׳ן איז ניט געוועזען דער בית־המקדש דער גאַנצער ציל פון זיין מלוכה, — ווי די שפּעטערדיגע טראַדיציע שטעלט פאָר, — נאָר ער איז געוועזען איינער פון זיינע פּאַלאַץ־בנינים, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס אויפ׳ן בית־המקדש האָט ער פאַרברויכט 7 יאָהר ארבייט בעת אויפ׳ן פּאַלאַץ האָט ער פאַרברויכט 13 יאָהר. דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלוכה האָט ירושלים בשום אופן ניט אריבערגעשטייגט אין הייליגקייט די איבעריגע הייליגע ערטער פונ׳ם לאַנד. ערשט ניט לאַנג פאַר׳ן חורבן, אונטער יאשיהו, זיינען, דורך א סך היסטאָרישע אומשטענדען, אָפּגעשאַפט געוואָרען די במות און דער בית־המקדש אין ירושלים איז אנערקענט געוואָרען אלס דאָס איינציגע הייליגטום פון אידישען פאָלק וואו מ׳מעג מקריב זיין קרבנות.

דאָס אידישע לעבען אונטער דער פאַראייניגטער מלוכה.

אין די הונדערט יאָהר, וואָס די אידען האָבען געלעבט אונטער א פאַראייניגטער מלוכה, האָבען זיי דורכגעמאַכט א גרויסע ענדערונג אין זייער לעבען. דער מאָנאַרכישער רעזשים האָט ארויסגעבראַכט א קלאַס פון קעניגליכע באַאמטע און פאַוואָריטען, פון וועלכע עס האָט זיך אנטוויקעלט א רייכע אריסטאָקראַטיע. דאָס שטאָדטישע לעבען איז שטאַרק אויסגעוואַקסען, און די אידען האָבען אָנגעהויבען זיך נעמען צום האַנדעל. אין דעם פּרט, אויך אין אַנדערע פּרטים, ווי למשל אין בויען שענערע בנינים, האָבען די אידען נאָך געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון די מעהר געבילדעטע פעניקיער פון צור, מיט וועמען זיי זיינען געשטאַנען אין פריינדליכע באַציהונגען.

אין דער דאָזיגער צייט הייבט זיך אויף אָן א געשריבענע ליטעראַטור ביי די אידען. ניט לאַנג נאָך דוד׳ס טויט איז געשריבען געוואָרען די שוין אויבען־דערמאָנטע פאַמיליען־געשיכטע פון דעם גרויסען קעניג. אין דער צייט פון דוד און שלמה זיינען קענטיג אויך אנטשטאַנען די צוויי עלטסטע לידער־זאַמלונגען, וועלכע ווערען דערמאָנט איינציגע מאָל אין תנ״ך: דער „ספר הישר״ און דער ספר „מלחמות יהוה״. אויך דאָס עלטסטע אידישע געזעצבוך, דער „ספר הברית״, וואָס איז אנטהאַלטען אין דער „סדרה משפּטים״ איז קענטיג געשריבען געוואָרען אין שלמה׳ס צייט.

גלייכצייטיג מיט דער העכערער ציוויליזאַציע, וועלכע די אידען האָבען אָנגענומען, האָט אויך זייער רעליגיאָן געמוזט אָנווערען א סך פון איהר אורשפּרינגליכען מדבר־כאַראַקטער. דאָס ניט באַגנוגענען זיך מיט א געצעלט פאַר דעם ארון פון יהוה און דאָס בויען פאַר איהם א פּרעכטיגען

טעמפעל אין ירושלים לויט דעם מוסטער פון די טעמפלען פון די ציוויליזירטע פעלקער פון מזרח — שוין דאָס אליין איז געווען אַ געוואַלדיגע אוועקקערונג פון דער טראַדיציע פון מדבר. פון דער אנדערער זייט אָבער האָט די שטאַרקע פּאָליטישע מאכט פון די אידען באַדייט אויך די גרויסקייט און די מאכט פון זייער נאַציאָנאַלען גאָט יהוה. הגם די אידישע רעליגיאָן האָט אָנגענומען אַ סך שטריכען פון דער בעל־רעליגיאָן פון די פעלקער אַרום און הגם יהוה איז געוואָרען דער בעל פון ארץ ישראל, איז ער אָבער פאָרט געבליבען בעצם דער „אלהי קדם", דער אַלטער גאָט פון די אידישע שבטים, דער גאָט פון ישראל. אויסערליך אַ פּרעכטיגער טעמפּעל, ווי ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער, אינווייניג אָבער אַן ארון, אַ הייליגטום פון וואַנדערענדיגע שבטים אין מדבר — דאָס איז געווען דעמאָלט דער סימבאָל פון דער אידישער רעליגיאָן און פון גאַנצען אידישען לעבען: אויסערליך ציוויליזירטע מענשען, אינערליך אָבער אַ האַרץ פון אַ בעדואין אין מדבר.

אנרעגונגען צום שטודיום:

1) לייען איבער אין שמואל ב די רשימה פון דוד'ס באאמטע, וועלכע שטעהט צוויי מאָל: ביים ענד פון קאַפּ. ח און קאַפּ. כ. לייען אויך איבער די רשימה פון דוד'ס גבורים אין קאַפּ. כ"ג און פון שלמה'ס באאמטע און זיין אדמיניסטראַציע אין מלכים א, ד. דאָס זיינען ניט קיין מעשיות, נאָר ליסטען פון נעמען, וועלכע האָבען ניט געקאָנט איבערגעגעבען ווערען מונדליך, נאָר זיינען פון לכתחילה געשריבען געוואָרען. זיי מוזען בכן שטאַמען נאָך פון דער צייט פון דוד און שלמה.

2) לייען איבער דוד'ס פאַמיליען־געשיכטע, וועלכע ציהט זיך פון שמואל ב, ט 1 ביז'ן ענד פון קאַפּ. כ. אויך כ"א 1—14 געהערט קענטיג דערצו. באַטראַכט ווי זאַכליך און לעבעדיג יעדע זאַך ווערט געשילדערט.

3) לייען איבער אין מלכים א ביז י"ב דעם באריכט פון שלמה'ס רעגירונג און געפין די סתירות און די פאַרשידענקייט אין נוסח צווישען די עלטערע היסטאָרישע און די שפּעטערע לעגענדאַרישע שטיקער.

ביבליאָגראַפיע:

די גרויסע אידישע געשיכטע, צווייטער באַנד (צוזאַמענגעשטעלט פון חיים שווס), ז. 44—149.

ביבלישע געזאַנגען פון חיים שווס, ז. 123—126 (דוד'ס קלאָג־ליד אויף שאול און יהונתן און אויף אבנר). זעה אויך אין זעלביגען בוך אויף ז. 40 וועגען דעם „ספר הישר" און דעם „ספר מלחמות יהוה".